אַברהם גאָלדפאַדען

# אויסגעקליבענע שריפטן

## שולמית און בר-כוכבא

מוזיק צו 28 לידער
פון 8 אָפּערעטעס

פֿראַגמענטן פון פאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
ז כ ר ו נ ו ת
בילדער

2טע אויפלאַגע

אַרייַנפיר און רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

# בר - כּוכבא

אָדער

## די לעצטע טעג
## פון ירושלים

מוזיקאַלישע מעלאָדראַמע

אין ריימען

אין 4 אַקטן
מיט אַ פּראָלאָג און 14 בילדער


פּראָלאָג
בילד 1
תשעה באָב
בילד 2
דער זון פון דעם שטערן
בילד 3
דער אויפשטאַנד קעגן די רוימערס
1טער אַקט
בילד 4
פּאַפּוס
בילד 5
בר־כוכבא ווערט געקרוינט פאַר אַ
מלך אין ירושלים
2טער אַקט
בילד 6
דער משכון פון שלום
בילד 7
בר־כוכבא אַנטלויפט רייטנדיק
אויף אַ לייב
3טער אַקט
בילד 8
אין דער תפיסה
בילד 9
בר־כוכבא מיט זיין חייל אין לאַגער
בילד 10
די באַלאַגערונג פון דער פעסטונג
צעזאַרעע
4טער אַקט
בילד 11
די סנהדרין
בילד 12
דער שרעקלעכער מאָרד פון
ר׳ אלעזר המודעי
בילד 13
די דערשיינונג פון גייסט
בילד 14
די צעשטערונג פון דער פעסטונג ביתר

## די פערזאָנען

**בר־כּוכבא** — אָדער בר־כוזיבא — אַ הויך געוואַקסענער, שטאַרק געבויטער מאַן פון אַ יאָר 35.

**עזריה** — זיין פעלדמאַרשאַל.

**ר׳ אלעזר המודעי** — אַן אַלטער תּלמודישער געלערנטער.

**דינה, זיין טאָכטער** — אַ יונג מיידל, בר־כוכבאס כּלה.

**טורנוס רופוס** — דער רוימישער שטאַטהאַלטער אין ירושלים.

**סעראַפּינאַ** — זיין פרוי.

**פּאַפּוס** — אַ רייכער יוביליר אין שומרון — אַ רויטע און אַ מיאוסע געשטאַלט, קרום אויף אַ פוס, און אויף איין אויג בלינד.

**דער שומר** — פון די טויערן פון דער פעסטונג ביתר.

**דער גייסט** — פון אלעזר המודעי.

**די סנהדרין,** כּהנים, לוויִם, יידיש מיליטער, פּאַנענטרע־נערס, בר־כּוכבאס לייבוואַך, געזאַנדטע פון אשור, פון מצרים, פון ערבֿ. טענצערס, מוזיקאַנטן, כאָר פון זינגערס, רוימיש מי־ליטער, רוימישע מיידלעך, די צושויערס ביי דער רוימישער אַרענע, גלאַדיאַטאָרס, נעגערס, אַ ווילדער לייב, דאָס חיל פון יהודה, דאָס חיל פון רוים, פֿאָלק.

די געשיכטע קומט־פאָר — אַמאָל, אין דער פעסטונג צעזאָרעאַ און אין דער פעסטונג ביתר — די געשיכטע האַנדלט זיך זעכציק יאָר נאָך דעם חורבן בית־שני

באַאַרבעט נאָך פאַרשיידענע היסטאָרישע קוואַלן

# פּראָלאָג

## בילד 1

### 1טע סצענע

אַ שול. דער אָרון־קודש פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן פּרוכת. אויף אַן עמוד שטייט אַ מנורה, אין וועלכער עס צאַנקען עטלעכע קנויטן, וואָס האַלטן שוין ביים אויסגיין. יידן, רעכטס און לינקס, זיצן אויף דער ערד, טרויעריק די קעפּ געבויגן, די הענט פאַר־לייגט. אויפן אונטערשטן טרעפּל פונעם אָרון־קודש זיצט דער אַלטער ר׳ אלעזר, האַלט אין דער האַנט אַ מגילה און זאָגט־פאָר. ניט ווייט פון אים אויף אַ בענקל זיצט בר־כוכבא.

**אלעזר** — וויינט און קלאָגט אַצינדער,
אַלע ציונס קינדער!

**אַלע** — געבראָכן איז אונדזער האַרץ,
גרויס איז אונדזער שמאַרץ. (2 מאָל)
אויף אונדזער הייליקער ירושלים, וואָס איז תּל געוואָרן,
אויף אונדזער גלאַנץ און אונדזער כּבֿוד וואָס איז פאַרלאָרן.

**אלעזר** — פון זיין האַרץ האָט גאָט אוועקגענומען זיין האַנט,
און אויף אונדז אָנגעשיקט דעם בייזן פיינד;
דאָס בית־המקדש חרובֿ געמאַכט
און די כּהנים אומגעבראַכט.

**אַלע** — ער האָט גערויבט, געברענט, געבראָכן,
אוצרות, הייזער, ביז אין גרונט,
און אָן רחמנות האָט ער געשטאָכן,
אונדזער ווייב און קינד!

**אַלעזר** — מיט איינעם פֿון סנהדרין. אוי! אַזוי זאָגט גאָט אַצינד:
איך קען דיך ניט מער,
ביסט ניט מער מײַן קינד,
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד!
אוי! ציונס ליכט צאַנקט אַצינד,
לעשט אייביק אויס —
שײַנען וועט דיר ניט מער מײַן קינד,
איבער דײַנע זינד! איבער דײַנע זינד!

**אַלע** — טאָקע דעריבער
בעטן מיר דיך איבער;
דײַן כּעס זאָלסטו שוין שטילן,
מיר בעטן דיך פֿאַרגעבן
אין אונדזער לעבן
אַלצדינג וואָס מיר האָבן געטאָן נישט נאָך דײַן ווילן,
— — — — — — — — — — נישט נאָך דײַן ווילן.
זע וואָס פֿון אונדז איז אַצינד געוואָרן,
נעם־צו שוין, גאָט שטאַרקער, פֿון אונדז דײַן צאָרן;
הער אונדז צו, גאָט, הער!
שטראָף אונדז שוין ניט מער! —

אלעזר הייבט זיך אויף, בייגט זיך צום אָרון־קודש, טוט אַ קוש דאָס פּרוכת און ווענדט זיך צום עולם

**אלעזר** — הערט־אויס, בני יעקבֿ, מײַן פֿאָלק, מײַנע ברידער,
וועט אײַך דערפֿאַר גאָט אויך צוהערן ווידער!
אמת, ער האָט אונדז גוט געגעבן צו פֿילן זײַן שאַרפֿע רוט.
ניט איין שונא האָט זיך געבאָדן אין אונדזער ייִדיש בלוט.
ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָט ער זיך צו אונדז אַרײַנגעכאַפּט,
געוואָרגן, געבראָכן, צעריסן, וואָס ער האָט דערטאַפּט.
אונדזער לאַנד, פֿאַרברענט, אונדזערע פֿעלדער — צעטראָטן,
אונדזערע טײַכן פֿאַרדאַרבן, אונדזערע ווײַנגערטנער צעקנאָטן,



אונדזער הייליק ציון, אונדזער שטאָלץ, אונדזער פּראַכט —
פֿאַרוויסט ביז אין גרונט, אַלץ חרובֿ געמאַכט.
דאָס הייליקע בית־המקדש, אונדזער גאָטס עקסטרע הויז,
פֿאַראומרייניקט שענדלעך — געבליבן חורבן בלויז,
גערויבט די אוצרות, אַלע כּלי־קודש,
פֿאַרשטערט אונדזער יום־טובֿ, שבת, ראש־חודש.
פֿאַרשטערט די קרבנות מיט זייער שיינעם ריח,
געקוילעט די כּהנים אויף דעם מזבח.
ירושלימס שיינע טעכטער, ציונס אײדעלע קינדער,
אָוועקגעפֿירט געפֿאַנגען, פֿאַר קנעכט פֿאַרקויפֿט באַזונדער.
ניט געשוינט קיין גרויע קעפּ, תּנאים, סופֿרים, קדמונים,
אָפּגעשונדן די הויט לעבעדיק פֿון חכמים ונבֿונים,
אויפֿגעשניטן מיט דער שאַרף די שוואַנגערע ווײַבער...
חתן־כּלה בײַ דער חופּה — צעשניטן זייערע לײַבער...
ייִנגלעך פֿון די חדרים צעהרגעט, צעטריבן,
פּיצלעך קינדער פֿון דער ברוסט אויף שטיינער צעריבן!
מיר שרײַען צו גאָט. מיר הייבן־אָן צו טומלען,
מיר רײַסן־אײַן מיט אונדזער געוויין אַלע זיבן הימלען.
מיר מאַכן אים שולדיק, מיר הייבן־אָן צו שרײַען,
דאָ וואַרפֿן מיר אים פֿאַר, דאָ בעטן מיר פֿאַרצײַען:
און דו, גרויסער גאָט, זיצסט זיך דאָרט, אין דײַן רו,
הערסט גאָר נישט — שווײַגסט! און זעסט דאָס אַלצדינג צו -
דײַן ווינונג צעשטערט מען, און דו שווײַגסט! באַלעבאָס!
דײַנע קינדער קוילעט מען — און דיך אַרט ניט דאָס?
איז דאָס שיין פֿאַר דיר, צי האָסטו דערפֿון נחת,
אַז דער פֿײַנד זאָל זיך רייצן מיט אונדז אויף צו־להכעיס?
— ווו איז אײַער פֿאָטער, אַבֿרהמס הייליקע קינדער?
אײַער גרויסער גאָט, וואָס האָט אײַך באַוויזן וווּנדער?
אַ יאָ, איר האָט זיך נאָר אומזיסט צו אים געווענדט?
פֿאַר וואָס קומט ער ניט אײַך ראַטעווען פֿון מײַנע הענט?

— — — — — — — — — — — — — — — — —אָדער
אויף דערויף האָסטו אונדז באַדאַרפֿט אַרויספֿירן פֿון מצרים,
זאָלסט לאָזן אונדז אַלע אויסקוילען אין ירושלים?
ווו איז דײַן שבֿועה, וואָס דו האָסט געשווירן אַמאָל
אונדזערע הייליקע אָבֿות, אַבֿרהם, יצחק און ישׂראל?
אַז „דײַנע קינדער וועל איך מאַכן ווי בײַם ים דאָס זאַמד‟,
אַז דײַנע קינדער וועל איך שענקען דאָס געבענטשטע לאַנד,
אַז אין דײַנע קינדער וועלן זיך אַלע פֿעלקער בענטשן?
קינדער? אוי! אָט דאָס איז שלעכט, וואָס מיר הייסן
ק י נ ד ע ר, ניט מ ע נ ט ש ן.
אַ, מען זאָל אונדז שוין רופֿן ייִדישע מ ע נ ט ש ן ניט
יִ ד י ש ע ק י נ ד ע ר.
מיר זײַנען שולדיק אין אונדזער אומגליק, מיר, יעדער
באַזונדער.
ווײַל נאַרישע שלעכטע קינדער האָבן מיר געהאַנדלט
אומגלייביק
קעגן אונדזער גרויסן גאָט, וואָס ער לעבט אייביק.
ער האָט אונדז געליבט — מיר האָבן זיך דערפֿון ניט געמאַכט.
ער האָט אונדז אַ תּורה געשענקט — מיר האָבן זי פֿאַראַכט.
ער האָט אונדז גוטס געגעבן — מיר האָבן עס ניט געוווּסט
צו שעצן.
מיר האָבן אים דערצאָרנט מיט פֿרעמדע געצן.
דאָס ערשטע בית־המקדש, וואָס איז אַזאַ פּראַכט געווען —
דורך וועמען איז עס חרובֿ געוואָרן, אויב ניט דורך
אונדז אַליין?
דאָס צווייטע בית־המקדש מיט זײַנע שטאַרקע מויערן און
ווענט
האָבן מיר אַ ל יי ן איבערגעגעבן דעם פֿײַנט אין די הענט!
אוי, אויף דעם וויינט דאָס האַרץ, דאָס איז אונדזער
אומגליק, ייִדן,



וואָס בײַ אונדז איז ניטאָ קיין אַחדות, קיין פֿרידן! גענוג שוין
דערפֿאַר לאָמיר זיך האַלטן שטיל, אויף גאָט זיך ניט
באַקלאָגן.
און דאָס שלעכטס, וואָס קומט אויף אונדז, מיט בטחון
אַריבערטראָגן.
לאָמיר א י ם בעטן מיט אַ ריין האַרץ, ניט פֿאַרשטעלט,
מיט נאמנות!
אונדזער האַרץ זאָל זײַן דער מזבח, אונדזערע ריינע
געדאַנקען — די קרבנות!
און ביז מיר וועלן פֿאַרדינען, ער זאָל אונדז מוחל זײַן,
זאָלן מיר זיך פֿאַרהאַלטן רויק, שטיל און פֿײַן.
לאָמיר בעטן פֿאַרן ביסל ייִדן, וואָס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן,
פֿאַר די וואָס זײַנען דאָ, פֿאַר די וואָס זײַנען פֿאַרטריבן.
לאָמיר פֿאָלגן די נײַע הערשערס, וואָס זיי וועלן אונדז
געביטן,
וועלן זיי אונדז באַהאַנדלען מיט חסד און מיט גוטן.
לאָמיר בעטן פֿאַרן שלום פֿון אונדזער צעזאָר הנעלה,
ווײַל אין ז ײַ ן שלום וועט א ו נ ד ז שלום זײַן —
אָמן סלה!!!

ער קושט נאָך אַ מאָל דאָס פּרוכת, גייט אַראָפּ, שטעלט זיך אין אַ זייט.
צווישן די ייִדן הערט מען פֿאַרשיידענע שטימען, און אַ טייל, מיט בר־כוכבאן
אין איינעם, שאָקלען מיט די קעפּ, ווי זיי ווילן ניט איין. ענדלעך ווערט
אַלץ אַנטשוויגן און אויף די טרעפּ פֿונעם אָרון־קודש טרעט אַרויף בר־
כוכבא, טוט אַ קוש דאָס פּרוכת און ווענדט זיך הויך צום עולם:

**בר־כּוכבֿא** — הערט־אויס, מײַן פֿאָלק, איר בני יהודה!
הערט מיך אויס, מײַנע ברידער, אפֿתּח פּי ואגידה:
ווי רויק שטייט דער ווײַנשטאָק ווינטער באַדעקט מיט שניי,
אים אַרט ניט איצט די קעלט, ווײַל ער קוויקט זיך מיט
דער אידיי,
אַז פֿון זײַנע פֿריִעריקע טרויבן טרינקט מען שוין לאַנג ווײַן,

און אַז ס'וועט קומען דער זומער, וועלן נײַע שוין זײַן.
אָבער ווי איז דעם ווײַנשטאָק, וואָס אין זומער באַגין
כאַפּט אים דער פֿראָסט, ווען ער הייבט נאָר אָן צו בליִען.
דעם קאַלטן אַלטן אַרט ניט, וואָס עס גייט פֿאַר אים איצט פֿאָר.
ער לעבט מיט דעם וואָס עס וועט  ז ײַ ן  אָדער וואָס איז
געווען בעפֿאָר.

די אַלטע קלאָגן אויף דעם בית־המקדש, וואָס איז געוואָרן
פֿאַרברענט,
אויף די שטיינער וואָס שוין לאַנג צעבראָכן האָט דעם
פֿײַנדס הענט,
און זעען ניט וואָס ס'טוט זיך איצט, ווײַל זייערע אויגן
זײַנען טונקל:
ווי אין דעם אָרט פֿונעם אָרון־קודש, אין דעם הייליקן ווינקל,
שטעלן אַלע טאָג די רוימערס זייערע בילדער און געצן,
שפּעטן פֿון אונדזער גאָט, אונדז מיט דעם צו רייצן און
צו העצן.
מיט דעם שטעכן זיי אויס אונדזערע פֿרישע יונגע אויגן,
דאָס זעט ניט דער אַלטער קאָפּ וואָס איז שוין אײַנגעבויגן;
ער קוקט־אַראָפּ נאָר אויף דער ערד, לאָזט פֿאַלן אַ פּאָר טרערן,
ער וועט ניט זשאַלעווען אַ ווייַן טאָן, קרעכצן וועט איר
אים הערן
אויף די בני ציון, וואָס זײַנען שוין לאַנג אומגעקומען,
וואָס שלאָפֿן שוין רויק, זײַנען שוין לאַנג זייערס
איבערגעקומען...
הייבט־אויף אײַערע קעפּ, אַלטע! וועט איר אַליין זאָגן,
אַז אויף די לעבעדיקע איז דאָ מער ווי אויף די טויטע
צו קלאָגן!
זעט, ווי אונדזערע ברידער שנײַדט מען איצט ווי די ביימער,
הערט ווי זיי קרעכצן אונטער דער שאַרפֿער האַק פֿון די
רוימערס!...



און אויף אײַך, אַלטע חכמים, לייגן זיי דען כּבֿוד?
וואָס אַרט זיי יחוס — צי אַ בן־מלך, צי אַ בן־דוד?
אַ מינדסט רוימיש ייִנגל שפּײַט אײַך אין פּנים,
רײַסט אײַך אָפּ די קליידער, מאַכט אײַך סימנים.
איר רעדט מיט זיי מיט גוטן — זיי ענטפֿערן אײַך מיט כּעס.
אונדזער פֿאַרמעגן רויבט מען עפֿנטלעך אין מיטן דער גאַס.
אונדזערע פֿרויען שענדן זיי — און מיר טאָרן זיך ניט
קלאָגן?

אָ, ניין! וואָס איר ווילט, מעגט איר אײַך זאָגן!
דאָס יונגע, הייסע בלוט קען ניט צוזען אַזוי קאַלט,
יעדע מינוט פֿאַר זיך, דעם שונאס מערדעריש' געשטאַלט!...
האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ, וואַרפֿט אים אַרײַן אין קבֿר,
נאָר ניט רײַסן יעדע מינוט צו ביסלעך איטלעכס אבֿר!
כּל־זמן די האַנט איז דאָ — לאָמיר זי אויפֿהייבן!
אַז שטאַרבן — זאָלן מיר אַלע! וואָס טויג איינעם אַליין לעבן?
שטייט־אויף, ברידער, אין נאָמען פֿון אונדזער הייליק לאַנד,
און לאָמיר אויסקערן פֿון אים דעם שלעכטן, בייזן פֿײַנד!

עס הערט ווידער צווישן די יידן אַ געטומל ווי פֿריער, בר־כּוכבא גייט־אַראָפּ פֿון די טרעפּ, זעצט זיך צוריק אויף זײַן פּלאַץ. אלעזר טרעט ווידער אַרויף צום אָרון־קודש, הייבט־אויף די הענט אויף אַ צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. אַלע בלײַבן שטיל און הערן זיך צו.

**אלעזר** — עס איז אמת, ברידער, אַז אין די יונגע ליגט כּוח,
עס פֿעלט זיי אָבער דערצו דער איבערגעלייגטער מוח.
אוי, באַרעכנט נאָר גוט, איידער איר הייבט־אָן צו טאָן,
אַז גאָט האָט איין מאָל גוזר געווען אויף דער שטאָט ציון,
וועט אײַך ניט העלפֿן אײַער יונג בלוט, ס'מעג  ז ײַ ן
ווי פֿײַער!
האָט רחמנות אויף דעם רעשט ביסל יידן, אויב זיי זײַנען
בײַ אײַך טײַער.
מיט עזות און כּעס וועט איר נאָר אַזוי פֿיל ניצן,

אַז איר וועט די רוימערס אויף אונדז נאָך מער צעהיצן,
און זיי וועלן אָנפֿאַלן אויף אונדז ווי די צערייצטע בערן,
דאָס רעשט ביסל ייִדן ביזן לעצטן ביינדל צו פֿאַרצערן.
איך זאָג אײַך נאָך אַ מאָל: ווילט איר פֿאָלגן מײַן עצה,
לאָמיר אָנבייגן פֿאַר גאָטס רוט אונדזער מידע פּלייצע!
לאָמיר זיך האַלטן בשלום, לאָמיר ליבן אונדזער קייסער,
מער האָט אײַך גאָר ניט צו זאָגן אײַער אַלטער אלעזר!

ער גייט־אַראָפּ פֿון די טרעפּ, גייט־אַװעק לינקס; נאָך אים גייען־נאָך אַלע סנהדרין מיט די אַלע, וועלכע שטימען מיט זיין מיינונג. בר־כוכבא טרעט־ווידער אַרויף אויף די טרעפּ, ווענדט זיך צו די איבעריקע, וועלכע זיינען איבערגעבליבן אין שול.

**בר־כּוכבֿא** — פֿון זיצן און וואַרטן קען גאָר ניט געשען.
קיין זאַך אין דער וועלט ווערט ניט פֿון זיך אַליין.
אין מצרים וואָלטן אייביק געבליבן אונדזערע אָבֿות אַבֿותינו,
ווען מיט געוואַלט זאָל זיי ניט געווען אַרויסשלעפּן
משה רבינו.
מיר האָבן שטענדיק געהאַט העלדן וואָס האָבן געקעמפֿט,
ניט א יי ן שטאַרקן פֿײַנד האָבן זייערע מאַכטן געדעמפֿט.
גלײַך ווי די אַלטע געלערנטע מיט דער חכמה, מיט זייער,
האָבן זיך פֿאַרדינט זייער נאָמען די העלדן מכבייער!

מוזיק פֿאַנגט־אָן טרעמאָלירן. עס דערשיינט אַ שטערן איבער זיין קאָפּ. ער הייבט־אָן מיט מער פֿייער צו האַלטן זיין רעדע.

די נבֿואה מוז קומען, וואָס דער נבֿיא האָט געזאָגט אַמאָל:
„דרך כּוכבֿ מיעקבֿ, וקם שבֿט מישׂראל"!
שטייט־אויף, מײַן פֿאָלק, קינדער פֿון איין גאָט!
נעמט אײַך צו די שווערדן — ווער נאָר כּוח האָט!
אַראָפּוואַרפֿן זאָלן מיר פֿון אונדז די ביטערע גזירה
און בויען דאָס בית־המקדש במהרה!

רעטשיטאַטיוו



ווער עס טרעט־צו צו מיר, מי לה' אלי,
זאָל אויפֿהייבן די הענט בײַם נאָמען א ד ו נ י!
אַלע הייבן זיך אויף פֿון די ערטער, הייבן־אויף זייערע רעכטע הענט

**אַלע** — דײַנע רייד האָבן אונדז אַלע באַלעבט אַן אַ שיעור
אַלע ווי איין מענטש שטייען מיר צו צו דיר.
עס לעבט אונדזער בר־כּוכבא,
עס לעבט אונדזער משיח,
און אונדזער בית־המקדש זאָל אויפֿגעבויט ווערן גיך!
(2 מאָל)

**בר־כּוכבֿא** — שווערט זשע מיר אַלע צו, שווערט מיר!
**אַלע** — מיר שווערן! מיר שווערן! (2 מאָל)
**בר־כּוכבֿא** — שווערט איר מיר פֿון דעם האַרצן, שווערט מיר!
**אַלע** — מיר שווערן! מיר שווערן! (2 מאָל)

בר־כוכבא נעמט־אַרויס אַ ספר־תורה פֿונעם אָרון־קודש

**בר־כּוכבֿא** — דאָ, בײַ דער ספֿר־תּורה סגולה יחידה,
שווערט איר מיר אַלע, בית יעקבֿ ויהודה,
אַז יעדער פֿון אײַך מיט לײַב און זעל וועט אמת זײַן געטרײַ,
ווי איין האַנט, ווי איין מענטש, זאָלט איר אײַך אויפֿהייבן פֿרײַ,
צו דער נײַער מלחמה קעגן דעם שונא,
אַ מלחמה וואָס איז נאָך ניט געווען ביז איצט אַזוינע!
שווערט זשע מיר אַלע צו, שווערט מיר!

**אַלע** — מיר שווערן! מיר שווערן! (2 מאָל)
**בר־כּוכבֿא** — שווערט איר מיר פֿון דעם האַרצן, שווערט מיר!
**אַלע** — מיר שווערן! מיר שווערן! (2 מאָל)
**בר־כּוכבֿא** — זאָגט מיר נאָך דאָס וואָרט פֿון דער שבֿועה,
און **כאָר** — פֿאַר גאָט און פֿאַר זײַן פֿאָלק בין איך מכריז ומודיע,
אַז ווער עס וועט זײַן פֿאַלש, פֿון אונדז אָפּטיילן,
און וועט במסירה אונדזער סוד דערציילן,

איז אײן געזעץ — דער טויט! געטײט אויף דעם אָרט!
איצט, איצט פֿאַר דעם עדות, דער ספֿר־תּורה, גיט זשע
מיר אַלע דאָס וואָרט!
פֿאַר דעם עדות גיט זשע מיר אַלע דאָס וואָרט!
געדענקט זשע גוט!

**אַלע** — מיר געדענקען אַלע גוט!
**בר־כּוכבֿא** — איר האָט מיר צוגעשוואָרן!
**אַלע** — מיר שווערן אַלע גלײַך:
מיר שווערן! מיר שווערן! מיר שווערן!!

בר־כּוכבא הייבט־אויף די ספֿר־תּורה אין דער הויך, נאָך אים הייבן־אויף אַלע די הענט אין דער הויך.

דער פֿאָרהאַנג לאָזט זיך שנעל אַראָפּ

# 1טער אַקט

## בילד 2

### 1טע סצענע

שטעלט־פֿאַר אלעזרס צימער. דינה מיט נאָך עטלעכע פֿרויען זיצן אויף נידעריקע בענקעלעך און זינגען.

**דינה** — וויינט זשע אַלע, ציונס טעכטער,
קלאָגט זשע, קינדער, אַלע בײַנאַנד,
אויף דער נויט, דער צײַט דער שלעכטער,
וואָס האָט געטראָפֿן אונדזער לאַנד.
אַראָפּגעפֿאַלן איז אונדזער שטערן
אין דער ערד פֿאַרשמירט;






צעבראָכן די קרוין פֿון אונדזער שטערן,
וואָס האָט אונדז אַזוי געצירט.

**פֿרויען** — גאָט, זע אונדזערע טרערן,
אונדזער נויט און פּײַן;
וויינען וועלן מיר ניט־אויפֿהערן
ביז די הילף וועט זײַן.

**דינה** — רײַך ווי אַ מלכּה מיט בריליאַנטן
איז די הייליקע שטאָט געווען;
בײַ די שׂררות גרעסטע פֿראַנטן
האָט זי כּבֿוד געהאַט, זייער פֿיל חן.
אַזוי ווי די שטערן אַרום דער לבֿנה
האָבן מיר זיך געשפּיגלט אין איר;

אוי, הײַנט הייסט זי די אַלמנה
און אירע יתומות זײַנען מיר.

**פֿרויען** — גאָט, זע אונדזערע טרערן — — — (רעפֿריין)

**דינה** — אַזוי זיצט די אַלמנה ירושלים
אויף דער ערד צווישן מיסט
און איר אײנציק קינד אפֿרים
טוליעט זי צו צו אירע בריסט.
„פֿאַרטריבן האָסטו — וויינט זי — גאָט ליבער,
מײַן יידעלען פֿון ישׂראל;
אוי, לאָז מיר כאָטש דעם קדיש איבער
ער זאָל מיך געדענקען כאָטש אַ מאָל!"

**פֿרויען** — גאָט, זע אונדזערע טרערן — — — (רעפֿריין)

**דינה** — איצט גייט אײַך, שוועסטער ליבע, יעדע צו זיך אַהיים!
איר זאָלט ניט פֿאַרגעסן, אַז אין טאָג, אין דעם,
איז אַ דאָפּלטער טרויער, ווײַל אין דעם חודש
איז חרובֿ געוואָרן דאָס ערשטע און דאָס צווייטע בית־המקדש.
ניט דענקען פֿון שׂמחה, ניט ווײַזן זיך אויף דער גאַס,
די ווילדע רוימערס זאָלן ניט טרײַבן מיט אײַך קיין שפּאַס;
ביז גאָט וועט זיך ווידער אין אונדז דערמאָנען
און מיט זײַן ליכטיקן חסד אונדז ווידער באַשײַנען.

פֿרויען גייען־אַוועק לינקס, דינה קוקט זיי טרויעריק נאָך און בלייבט שטיין נאַכדענקענדיק

מיט זײַן ליכטיקן חסד אונדז ווידער באַשײַנען!
יאָ, עפּעס איז מיר לײַכט דאָס האַרץ, איך ווייס ניט
פֿון וואַנען...
עפּעס זאָגט עס מיר בסוד פֿריילעכע נבֿואות,
אַז גיך און באַלד וועלן קומען די ישועות...
כאָטש מײַן אַלטער פֿאָטער, דער הייליקער, קלוגער
געלערנטער,



מאַכט מיר שווער דאָס האַרץ מיט זײַנע קלאָרע ווערטער:
מיט זײַן ליבע נאָר צו שלום, מיט זײַן האַס צו מלחמה,
רוקט ער מיר אָן שוואַרצע וואָלקנס אויף מײַן ריינער נשמה;
זיי ווערן אָבער פֿאַרשוווּנדן, זיי בלײַבן ניט גיך,
בײַ דעם איינעם געדאַנק פֿון מײַן שמעון, דעם משיח!
אָ, ניט פֿיל אַזוינע יונגע לײַט, באַגאַבט מיט פֿאַרשטאַנד,
האָט אַרויסגעגעבן ירושלים דאָס געבענטשטע לאַנד!
צווישן אידעלע געלערנטע איז זײַן גײַסט דערצויגן.
חכמה און בינה שײַנט אים אַרויס פֿון די אויגן.
פֿון זײַן שטאַרקער ברוסט רעדט־אַרויס די גבֿורה.
געשאַפֿן פֿאַר אַ מלך איז זײַן אײדעלע צורה.
און אין זײַנע אָדערן הערט מען דאָס הייסע בלוט זידן —
פֿאַר זײַן גאָט, פֿאַר זײַן לאַנד און פֿאַר זײַנע ייִדן!

## 2טע סצענע

אלעזר קומט־אָן פֿון דער מיט טיר. דינה, ווי זי דערזעט אים, לויפֿט אים אַקעגן, קושט אים אין דער האַנט; ער זי — אין שטערן.

**אלעזר** — האָסטו שוין די קינות אָפּגעזאָגט, מײַן טײַער,
אײנציק קינד?
גאָט זאָל אונדז טרייסטן און מוחל זײַן אונדזערע זינד!

ביי די ווערטער לאָזט דינה פֿאַלן אַ פּאָר טרערן.

טרערן? יאָ, דאָס זײַנען אונדזערע אײנציקע מתנות,
וואָס מיר קענען מקריבֿ זײַן, אַנשטאָט אונדזערע
פֿאַרלוירענע קרבנות.

**דינה** — פֿאַר וואָס זאָגסטו, טײַערער פֿאָטער, „פֿאַרלוירן"?
זײַנען דען אויף אייביק זיין פֿאַרזונקען ציונס שטאָלצע
טויערן?

האָבן מיר דען ניט צו האָפֿן, און אַפֿילו נאָך גאָר גיך,
אַז צוריקשטעלן אונדזער גלאַנץ וועט קומען דער משיח?

**אלעזר** — יאָ, קומען וועט ער, אָבער ווען? די צײַט איז ווײַט,
גאַנץ ווײַט.
ניט פֿאַר אונדז צו דערלעבן, ניט אַפֿילו פֿאַר אײַך, יונגע לײַט!

**דינה** — פֿאַר וואָס „גאַנץ ווײַט"? ווען ער איז שוין דאָ —
ער וועט קעמפֿן קעגן די רוימערס אין אַ גוטער שעה!
זע, ווי אַלע ייִדן האָבן זיך דערפֿרייט מיט דער בשורה,
עס ראַשט־איבער יעדן בר־כּוכבֿאס חכמה און גבֿורה.

**אלעזר** — אַלע ייִדן פֿרייט עס, און איך וויין מיט ביטערע טרערן,
בר־כּוזיבֿא הייסט ער, ניט בר־כּוכבֿא, דער זון פֿון די שטערן;
אַ ליגנער, אַ פֿאַלשער משיח! (ווייכער) אפֿשר פֿעל איך?
אַנטשײדן. ניין, דאָס איז געוויס, אַז ער איז אַ מורד קעגן
גאָט און מלך.
ש ל ו ם שרײַ איך, ש ל ו ם! לאָמיר לעבן צופֿרידן,
לאָמיר אָפּהיטן דאָס רעשט ביסל איבערגעבליבענע ייִדן!
גאָט הייסט דינען די רוימערס. לאָמיר ז יי זײַן געטרײַ!
דען מיט עזות גיין, ווי ער, זײַנען מיר אַלע פֿאַרבײַ!

**דינה** — בײַ גאָט אַליין איז אָנגענומען, אַז מען שטאַרבט צוליב
זײַן נאָמען וועגן.
אַלע אין איינעם וועלן מיר קעמפֿן, אַלע אין איינעם
די קעפּ לייגן
פֿאַר אונדזער הייליקן לאַנד, פֿאַר אונדזער הייליקער אמונה.

**אלעזר** — כאַפּט זיך אויף ווי מיט מורא. אײַ, אײַ!
אויך ד ו ביסט שוין מיט זיי, מײַן טײַערע דינה?
ער האָט שוין פֿאַרדרייט די קעפּ אַלע יונגע לײַט.
ניין, טאָכטער, איך זאָג דיר, אַז דאָס איז ניט די רעכטע צײַט.
דאָס איז נאָר אַ צו־להכעיס, ניט קיין הייליקע מלחמה.
אין מיר רעדט די נבֿואה. איך הער אַ קול ברמה:
„געפֿאַלן איז ציון, אַזוי גיך וועט זי ניט אויפֿשטיין".



מיט טרערן. מײַנע אויגן האָבן שוין איין מאָל זי פֿאַלן געזען,
נאָר מער זײַן דערבײַ וויל איך גאָר ניט דערלעבן,
און אין אײַער פֿאַלשן משיח וויל איך ניט גלייבן —
לאָז מיך באַוויינען דעם אַ ל ט ן חורבן, דאָס וויל איך גערן.
נאָכדענקענדיק. ניין, אויף אַ נ ײַ ע ם חורבן קלעקן מיר
שוין ניט מײַנע טרערן!

**דינה** — פֿאָטער! זי פֿאַלט אים אַרויף אויף דעם האַלדז.

**אלעזר** — באַטראַכט זי מיט ווייטוט. איידער דיך פֿאַרלירן מײַנע
אויגן זאָלן זען,
לאָז בעסער מ י ך פֿריער פֿאַר דיר אויסגיין!
געדענקסטו מײַנע קינות, וואָס איך פֿלעג שטענדיק קלאָגן?
זאָג מיר נאָך, טאָכטער, ווי דו פֿלעגסט מיר שטענדיק נאָכזאָגן:
ביידע זינגען. אוי, אַזוי זאָגט גאָט אַצינד:
איך קען דיך ניט מער,
ביסט ניט מער מײַן קינד,
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד...
אוי, ציונס ליכט צאַנקט אַצינד,
לעשט אייביק אויס —
שײַנען וועט דיר ניט מער מײַן קינד,
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד!
אלעזר גייט־אַוועק רעכטס, דינה קוקט אים נאָך

**דינה** — ער איז איבערגעשראָקן, נעבעך, ווײַל ער אַליין
האָט די שרעקלעכע סצענע פֿונעם לעצטן חורבן געזען!

## בילד 3

### 3טע סצענע

דינה **בלייבט שטיין פֿאַרטראַכט.** בר־כּוכבא **קומט־אָן פֿון דער
מיט טיר, ער גייט־צו צו איר, נעמט זי אָן ביי דער האַנט; זי**

ווערט אָנפֿאַנגס ווי איבערגעשראָקן, נאָר נאָך דעם באַווייזט זי
אַ פֿרייע מינע

**בר־כּוכבֿא** — גאָר אומגעריכט בין איך געקומען צו דיר אַצינד,
וועסט מיר געוויס מוחל זײַן, מײַן טײַער שוועסטערקינד.

**דינה** — איראָניש. איך זאָל ד י ר מוחל זײַן? דו מיינסט פֿון
מיר צו לאַכן!

איך — ד י ר? ווער קען זיך צו דיר איצט גלײַכן?
איך בין אַלץ די אָרעמע דינה; עס איז קיין שאַנדע אַפֿילו.
נו און ד ו? דו ביסט דאָך הײַנט געוואָרן גאָר עולה לגדולה:
דיך טראָגט איצט דאָס פֿאָלק אויף די הענט אַרום
עס איז מיר גאָר אַ ווונדער, אַז דו קוקסט זיך גאָר
אויף מיר אום...

**בר־כּוכבֿא** — אַזאַ פֿאַרוווּרף פֿון דיר דאַרף איך ניט פֿאַרדינען.
ווער ווייסט נאָך מער ווי ד ו, ווער מיר ליגט אין זינען?
און ווען מײַן פֿאָלק וועט מיך אויך פֿאַר אַ מלך קריינען,
וועט די צ ווי י ט ע קרוין, פֿון מלכּה, ד ײַ ן קאָפּ
באַשיינען.

אַ ניט פֿיל אַזוינע גאָלדשטיק ווי דו, מײַן ליבע דינה,
געפֿינען זיך אין די אוצרות פֿון אונדזער רײַכער מדינה!

**דינה** — נו, נו, גענוג! אַ, עס פּאַסט גאָר ניט, מײַן ליבער,
אַזוינע צערטלעכע ווערטער, בפֿרט נאָך פֿאַר דיר, אַזאַ גיבור.
דאָס אַן אַנדערש מאָל! מיר האָבן איבער בילכערס זיך
צו ראַטן...
ווי גייט עס דיר מיט דײַן פּלאַן? וועט עס דיר געראָטן?!

**בר־כּוכבֿא** — פֿון געראָטן, פֿרעגסטו? פֿון דעם איז שוין קיין רייד,
דער פּלאַן איז שוין אויסגעפֿירט, ב־שלאָסן פֿון דער עדה.
מיר האָבן שוין צעשיקט אין דער גאַנצער אומגעגנט אַ ידיעה,
אַרום און אַרום! אין אַפֿריקע, ציפּערן, אַלעקסאַנדריע,
אין אַלע ערטער וווּ אונדזערע ברידער זײַנען פֿאַרבאַנדט,



אַלע ווי איין מענטש שטייען זיי גרייט, אַלע איין האַנט,
שטרעקן דאָס לעבן, אין דער מלחמה דער נײַער,
אַלע צינטקעגן שונא ברענט ווי אַ פֿײַער.
פֿאַרטיק זײַנען אַלע קריגס־באַרופֿענע, נאָר — באַהאַלטן
ליגט דער פֿונק...
איין בלאָז — איז פֿאַרטיק! מען וואַרט נאָר אויף מײַן ווונק!
אַפֿילו ר׳ עקיבֿא, דער אַלטער חכם, פֿאַרט אין אַלע שטעט
און מאַכט מיר מיט זײַן אײַנפֿלוס אַ סך מענטשן שוין גרייט —
אַלע, אַלע זײַנען מיט מיר, אַלע פֿון גרויס ביז קליין! נאָר...

**דינה** — נאָר?...

**בר־כּוכבֿא** — יאָ, נאָר איין קעגנער האָב איך. עס איז מיר שווער..
דו וועסט מיר מוזן מוחל זײַן, ווײַל די פֿערזאָן דיר געהער...
דער איינציקער קעגנער איז... ד ײַ ן פֿאָטער! עס
פֿאַרדריסט מיך זייער...

ער קערט־אָפּ דאָס פּנים פֿון איר ברוגז

**דינה** — א י ם האָסטו ניט פֿאַראיבל צו האָבן, מײַן ליבער שמעון.
איך האָב מיט אים גענוג געטענהט איידער די ביסט געקומען.
עס האָט מיך זייער געקרענקט. איך מוז דיר דעם אמת זאָגן,
ווײַל מײַן טענהן האָט מײַן אַלטן פֿאָטער שטאַרק דערשלאָגן;
ער איז דאָך מײַן צערטלעכער פֿאָטער און זייער טײַער
בײַ מיר.
אים קרענקט עס זייער, וואָס איך האַלט מיט דיר.
ער שרײַט נאָר שלום — שלום איז זײַן שטרעבן!
ער האָט שוין געזען, זאָגט ער, אַזוינע פֿאַלן אין זײַן לעבן.
אַז מיט בייזן מאַכט מען ערגער. אַזוי איז נאָך זײַן מיין.
איך בין אַלץ דערקעגן. נאָר בײַ איינעם בין איך געבליבן
שטיין...
אַז ער האָט מיר באַוויזן, אַז ווען שוין יאָ צו אַ מלחמה,
וועט איר אויך מוזן פֿאַרשפּילן... און ווייסטו פֿאַר וואָס,
מײַן נשמה?

ווײַל ער קען  ג ו ט  די טבֿע פֿון זײַן ליבן פֿאָלק ישׂראל,
איבער דעם האָבן זיי שוין די שטאָט פֿאַרשפּילט צוויי מאָל!
אַ ח ד ו ת,  פֿעלט אים,  אַ ח ד ו ת!  דאָס פֿעלט אים,
דאָס דאַרף ער!
ווי זאָגסטו, שמעון? דאָס איז אַ קוק אַ שאַרפֿער?!...

**בר־כּוכבֿא** — ווען נאָר וועגן דעם איז זײַן מורא גרויס,
האָב איך טאַקע מזל. זע איך אין דעם אַרויס,
איך זאָג דיר, אַז ווי אַ צויבער איז פֿון דעם גײַצן עולם
פֿון פֿאַרשיידענע סעקטן געוואָרן איצט איין גולם.
דאָס וואָרט „סעקטע" איז אָפּגעמעקט; עס לעבט שוין ניט מער.
מען הערט שוין ניט: „עסייער", „פֿאַריזייער", „סאַדוקייער"...
יעדער מינדסטער איז שוין מיד צו דערטראָגן איוף זײַן רוקן
פֿון די רויע רוימישע הערשערס דאָס שווערע אונטערדריקן.
איך האָב פֿון אַלע זײַטן ברכות — בין זייער מלאך מושיע!
מען שיקט מיר אַפֿילו פֿון ווײַטן געטרײַשאַפֿט און שבֿועה.
און צום צייכן, אַז אַלץ פֿאַר מיר שטייט און גייט,
אַז מאָרגן גאַנץ פֿרי מאַכן זיך שוין אַלע גרייט,
צו קריינען מיך אין ביתּר פֿאַר דעם מלך משיח!...

**דינה** — מיט פֿרייד. אַזוי? נו ווינטש איך דיר, אַז גאָט זאָל דיר
זײַן מצליח.
ווײַל דאָס, וואָס דו נעמסט זיך אונטער, איז ניט קיין
קליינע זאַך —
דאָ שטייט אַ לאַנד צו ראַטעווען אונטערגעדריקטע ברידער
— אַ סך —
גיי גיך, מײַן ליבער, און גאָט זאָל זײַן מלאך פֿאַר דיר שיקן,
אַז ווו דו וועסט זיך ווענדן, זאָל דיר נאָר גליקן!
נעמען זיך אָן בײַ די הענט, זינגען.

**בײדע** — געקומען איז די צײַט,
זי איז שוין ניט ווײַט,
יאָ, גאָר גיט ווײַט —



ער — דאָס לאַנד באַפֿרײַען!
זי — יאָ, יאָ, באַפֿרײַען!  (2 מאָל)






**ביידע** — און דאָס בית־המקדש באַנײַען!
**ער** — יאָ, יאָ, באַנײַען! } (2 מאָל)
**זי** — דאָס לאַנד באַפֿרײַען! } (2 מאָל)
**ביידע** — אויפֿבויען אויף דאָס נײַ!
**בר־כּוכבֿא** — אַך, דו ווייסט ניט, ווי מיר ליגט אין האַרץ
די לאַגע פֿון מײַנע ברידער!
צוזען קען איך ניט זייער שמאַרץ —
ניט הערן זייערע קלאָגן־לידער;
באַדריקט. האָט זיי דער פֿײַנד,
דאָך ראַטעווען וועט זיי גיך מײַן האַנט.
**ביידע** — געקומען איז די צײַט — — — (ביז „אויף דאָס נײַ”).
**דינה** — גאָט זאָל זײַן מלאך שיקן,



אַז דו זאָלסט באַגליקן,
די שׂונאים אונטערדריקן,
פֿאַרניכטן זיי ביזן גרונט:
צי דיר וועגדן זיך אונדזערע בליקן
צו אונדזער גאָט און צו דיר אַצינד,
יאָ!
**ביידע** — באַלד וועט שוין ציון הערן ווידער
מונטערדיקע, פֿריילעכדיקע לידער:
ירושלים איז באַפֿרײַט, } (2 מאָל)
דאָס בית־המקדש באַנײַט. }
נאָר מיט מוט,
קראַפֿט און בלוט,
און מיט גלייבן,
אונדזער גאַנץ
רום און גלאַנץ
אויפֿצוהייבן
יאָ, יאָ!... אָמן! } (2 מאָל)

בר־כּוכבא גייט־אָפּ לינקס.

**דינה** — נאָכדענקענדיק. אָמן! אָמן! אָ, אַ געוואַגטער שריט!
ווי עס לויפֿט צום טויט אַזוי פֿריילעך דאָס יונגע בלוט.
לויפֿן דעם מלאך־המוות אַנטקעגן, ווי צו אַ שפּיל...
דאָס איז עפּעס גאָר אַן אַנדער געפֿיל...
שטאַרבן, טייטן, זען דעם שׂונא פֿאַרטריבן מיט שאַנד,
זײַנע ברידער באַפֿרײַט — געראַטעוועט זײַן לאַנד —
ווידער זען די כּהנים, דינען ווי זיי דאַרפֿן,
ווידער הערן די לוויִם זינגען, שפּילן אויף די האַרפֿן,
ווידער אומקערן די ייִדן זייער פֿריילעך געמיט...
מיט ענטוזיאַזם. אָ, ווערט איז דאָס אָפּפֿער! איך פֿיל
שוין, ווי עס איז גוט!

**זינגט:**

איך זע שוין, ווי עס ווערט פֿריילעך
אין ירושלים, וואָס איז באַפֿרייט,
און „עס לעבט דער מלך!“
הער איך שוין ווי מען שרייט.






און טראַגנדיק פֿיל מתנות
צום בית־המקדש קומען ייִדן גאָר אָן אַ צאָל,
צו מקריבֿ זײַן די קרבנות,
ווי עס פֿלעגט זײַן אַמאָל,
און די לוויִם האַלטן די האַרפֿן, און זינגען אָט דעם שיר:
„מיר גריסן דיך, ירושלים,
מיט דעם בית־המקדש, דעם נײַעם!
גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף ציון
און האָט איר אומגעקערט די קרוין!“ (2 מאָל)
איך זע שוין איצט, ווי פֿון ווײַטן
אויף יעדן זאַמדיקן באַרג און טאָל,
לאָזן זיך פֿון אַלע זײַטן
באַקאַנטע אָן אַ צאָל:
דאָס זײַנען די געפֿאַנגענע ברידער!...
אין גלות פֿאַרטריבן זײַנען זיי געווען,
זיי קערן זיך קיין ציון ווידער,
און — די שטאָט, ווען זיי דערזעען —
באַלד שפּילן זיי אויף די האַרפֿן און זינגען אָט דעם שיר:
„מיר גריסן דיך, ירושלים,
מיט דעם בית־המקדש, דעם נײַעם!
גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף ציון
און האָט איר אומגעקערט די קרוין!“ (2 מאָל)

## בילד 4

### 4טע סצענע

באַפּוס קומט־אָן. פֿון הינטער די קוליסן הערט מען, ווי ער זינגט. אין איין האַנט טראָגט ער אַ קעסטעלע מיט בריליאַנטן; אויף דער אַנדערער זײַנען אָנגעהאַנגען בײַטשן מיט קרעלן און פּערל.

**פּאַפּוס** — ה׳ יבֿרכך! דו, אײדעלע, פֿײַנע דינה,
דו, שײנע פּערל פֿון אונדזער מדינה,
וואָס דו ביסט פֿול מיט דעת, חכמה ובינה!
באַווײַז מיר נאָר דײַן פֿרײַע מינע
און לאָז מיך הערן דײַן זיס קול רינה,
דו, ווילע בתולה רכּה ועדינה.
איך בעט דיך מיט רחמים און תּחינה,
איך זאָל ניט אײַננעמען קײן מיתה משונה!

**דינה** — וואָס ווילסטו, פּאַפּוס, מיט דײַנע משלים?

**פּאַפּוס** — איך בין געקומען גלאַט דיר אָפּגעבן שלום.

ער רוקט זיך צו צו איר און באַטראַכט זי מיט ליבלעכע בליקן, און זאָגט מיט אַ שמײכל

די לבֿנה דאַרף צופֿרידן זײַן — זי שײַנט מער און לײַכט,
ווען נעבן איר שטײט די פֿינצטערע נאַכט...
איך האָב דיר געבראַכט ווײַזן אַן אַרטיקל,
איך האָב עס ניט לאַנג דערטאַפּט, אָבער אַ ווײל אַנטיקל!

ער נעמט־אַרויס פֿונעם קעסטעלע אַ בריליאַנטענעם שטײן און ווײַזט איר

נאַ קוק דיך צו, אויב דו האָסט אין דעם אַ ידיעה,
עס טרעפֿט זיך זעלטן אין דער וועלט אַזאַ מציאה,
דער בריליאַנט פּאַסט נאָר פֿאַר אַ מלכּה, און פֿאַר ד י ר!
איך האָב אים ד י ר געבראַכט, ד ו זאָלסט אים
זען פֿריִער.

טאָמער געפֿעלט ער דיר, בלײַבט ער דײַנער, מיט אײן וואָרט.
אַלאַ ניט, האָב איך פֿון זײַנעט וועגן שוין אַן אַנדער אָרט.
איך וועל באַלד מיט אים צום קײסער אַדריאַנוס לויפֿן,
ער וועט אים געוויס בײַ מיר פֿאַר זײַן מלכּה קויפֿן!

**דינה** — פֿאַר דײַן געטרײַשאַפֿט, פּאַפּוס, דאַנק איך דיר!
נאָר אויב דער שטײן איז פֿאַר אַ מלכּה, איז ער ערשט
ניט פֿאַר מיר.



אויך ווען איך זאָל זײַן אין שטאַנד אים צו קויפֿן,
וואָלט איך עס נישט געטאָן, אָ, נײן! באַין אופֿן!
אָ, דאָס איז דער פֿעלער פֿון אַ סך, וואָס ציִען־איבער
די סטרונע.

אַ בירגערס אַ טאָכטער זאָל טראָגן דאָס, וואָס אַ קײסערינע?
דאָס ברענגט ניט קײן כּבֿוד, נאָר די גרעסטע שאַנד,
„אויסברענגערס״, „פֿאַרשווענדערס״ הײסן מיר אין לאַנד!
און ווידער: איז דען איצט די צײַט אויף דעם געלט צו
פֿאַרשווענדן,

בשעת מיר האָבן איצט דאָס געלט אויף ו י כ ט י ק ע ר ס
צו פֿאַרווענדן?

מיר דאַרפֿן האָבן איצט פּ ר אָ ס ט ע שטײנער, ניט קײן
אײדעלע בריליאַנטן!

די פּראָסטע שטײנער פֿונעם בית־המקדש — דאָס זוכט
מען איצט אַנשטאָט דיאַמאַנטן,

די דאַרפֿן מיר אויסקויפֿן מיט אונדזער געלט — אַפֿילו
לעבן...

**פּאַפּוס** — נו, אַז ניט קײן שטײנער, מוז איך דיר עפּעס אַנדערש
געבן.

נעמט־אַראָפּ פֿון דער האַנט אַ שנור פּערל

אַט דאָס שנור פּערל! האַ? דאָס איז אַ סחורה!
מעגסט עס אָנקוקן, נעם עס! האָב ניט קײן מורא!
פּרוּוו עס דיר אויף דײַן האַלדז, איך וועל דיך דערפֿאַר
ניט מאָנען.

אויף דײַן ווײַס העלדזעלע וועט עס פּאַסן, ווי דער שניי
אויף דעם באַרג לבֿנון!

דינה נעמט עס און באַטראַכט עס. נאָך דעם פּרוּווט זי עס זיך אָנטאָן אויף דעם האַלדז. פּאַפּוס שטײט נעבן איר און פֿאַרטיפֿט זיך אין געדאַנקען, נאָך דעם זאָגט ער, מיט אַנטשלאָסנקײט, נאָר ווי מיט בושה.

א, דינה! מיין ניט, אז איך וועל שוין ניט געפעלן קיין כלות?
איך בין שווארץ, מיט א מום, האב איך דערפאר אנדערע
מעלות:
אויף דעם ארט פון מיין אויג פאל איך אויס מיט א בריליאנט...
און אז איין פוס איז קירצער, ווילסטו — שטיי איך באלד
גאלאנט:
איך שטוקעווע צו מיין קעסטעלע פיל מיט גאלד א סך.

ער שטעלט דאס קעסטעלע אונטערן קרומען פוס

און — שטעל מיך דערויף: שטיי איך שוין גלייך...
דינה, א, דינה! ניט נאר דאס, גלייב מיר.
איך האב נאך פיל אוצרות — די געהערן אלע צו דיר.
פאר דיין א יי ן וואָרט קענסטו דאס אלץ פארמאגן,
פאר א יי ן וואָרט! ווען דו זאלסט מיר נאר זאגן...

ער בלייבט דערביי שטיל פארשעמט, אראפגעלאזט דעם קאפ, גלייך ווי ער דערלויבט זיך ניט ארויסצוזאגן דאס איבעריקע אין גאנצן. דינה קוקט אים פארוואונדערט אן, ווי זי פארשטייט ניט וואס ער וויל.

**דינה** — איך פארשטיי דיך ניט, פאפוס, ביסט דול עפעס גאר.
וואס ווילסטו מיט דעם זאגן? לאמיך וויסן אויף קלאר.

פאפוס שטייט אייניקע סעקונדעס, נאך דעם זאגט ער ווי אנטשלאסן

**פאפוס** — אויף קלאר? יא, אויף קלאר, כאטש איך בין שווארץ.
יא, איך דערקלער דיר אויף קלאר, מיין קאלירנדיק הארץ:
ס'איז רויט ווי א פייער, ברענט — ווי טויזנט פלאמען,
ווי דער בלאזזאק צענעמט זיך עס און פאלט ווידער צוזאמען,
ווי דער האמער אויף דער קאוואדלע, אזוי קלאפט עס פעסט.
א, א לאנגע צייט האט עס מיך שטילערהייט געפרעסט...
איך קען שוין ניט איסהאלטן. ס'איז שוין איבער מיין כוח.
מעגסט מיך רופן: „נאר", „משוגע", „דולער מוח"!
ביי דיר אין די הענט ליגט איצט מיין עשירות, מיין לעבן,



דיין איין וואָרט קען מיך באלעבן אדער דעם טויט געבן!
ווייכער. אך, רייד־ארויס דעם משפט מיט די זיסע ליפן דיינע:
קען איך האפן, דינה, זאלסט אייביק זיין מיינע??!
**דינה** — עס טוט מיר זייער לייד אויף דער לאגע אויף דיינער.
ווי וואגסטו דאס צו זאגן, דו, נארישער סאמאריטאנער?
ר' אלעזר המודעים טאכטער איבערצוקויפן מיט גאלד?
כא, כא, כא! און ווער? נאך אזא מיאוסע, שמוציקע, מבוזה
געשטאלט?
מיין שמעון בר־כוכבא פארבייטן פאר אזא נבלה?...
מיט האס. ווער האט דיר דאס רעכט געגעבן, דו, שברי כלי,
צו דענקען גאר אזוי? מיין נאמען צו דערמאנען
אויף דיינע טריפהנע ליפן? גיך, אוועק פון דאנען!
אוועק! אוועק פון דעם הייליקן ארט, דו, חיה בזויה!
נא דיר און גיי דיר, מיט דיין מציאה!...

זי טוט אים א שמיץ אין פנים, דאס שנור פערל און גייט־אוועק רעכטס. פאפוס בלייבט שטיין טרויעריק און קוקט, דא אויף דעם ארט ווו אהין זי איז אוועקגעגאנגען און באלד אויפן שנור פערל וואס ליגט אויף דער ערד. נאך דעם זאגט ער פאר זיך מיט א זיפץ:

**פאפוס** — אמן! אמן! יא, אמן סלה! ס'הייסט, אן עק, אן עק!
נאכדענקענדיק. „אוועק, דו, חיה בזויה, פון דעם הייליקן
ארט אוועק!"
וואס פאר א רוח האט מיך געטראגן, איך זאל איצט ריידן
מיט איר?
וואס האב איך איר געדארפט מגלה זיין, וואס ס'ליגט אין
הארצן ביי מיר?
נא, אויף אזא ברוך הבא האב איך מיך ניט געריכט...
„מיין... שמעון... בר... כוכבא!"... אהא! אויב אזוי, איז
שוין רעכט...
„שמעון בר־כוכבא?"... ע ר שטייט מיר אין וועג, דער
גיבור?

אַוודאי קען מען ניט זאָגן. ער איז אַ יונג, אַ ליבער!
מיט ש װ אַ ר צ ע לאָקן — צוויי ג אַ נ צ ע אייגעלעך...
צוויי ג ל ײַ כ ע פּיס. ער איז אירער? — — מעגלעך...
וואָס זשע בין איך אין דער אמתן בײַ איר אַזאַ מציאה?
ווהין זשע שטופּ איך מיך אין דער אמתן, איך, חיה בזויה?
„חיה בזויה?" וואָס הייסט „חיה?" קיין מענטש ניט אַפילו!
וואָס? מען לייקנט מיר גאָר אָפּ מײַנע מענטשלעכע געפילן?
ס'הייסט, אַז מען זידלט מיך, דאַרף איך ניט פאַרשטיין...
אַז מען שנײַדט מיר די אָדערן, דאַרף קיין בלוט נישט גיין?
מײַן האַרץ איז קיין האַרץ ניט, ווײַל עס האָט ניט די
קלאָרע דעק...
און אַז ניט קיין שיין פּנים, איז שוין אויס מענטש! אַן עק??!
נאַראָנים! ווייסט איר דען ניט, אַז דערפאַר האָב איך אַ סך
אינעווייניקסטע מעלות — אַ, פיל מער פון אײַך!...
די נאַטור איז ניט אַזוי ווי א י ר, אַזאַ שלעכטע,
אַזאַ שטרענגע:
גיט זי ניט איינעם אײ נ ס, גיט זי אים דאָס צ ו ײ ט ע
אַ מענגע...
דערפאַר וואָס זי האָט מיר ניט אין קאָפּ איין אויג דערוועקט,
האָט זי מיר אין מוח דערפאַר מער געהירן דערלייגט.
אונטער מ ײַ ן שוואַרצער הויט קלאַפּט דאָס האַרץ נאָך
גרעסער.
ה ײ ס ע ר פליסט דאָס בלוט, שטאַרקער און בעסער.
ה ײ ס ע ר פון אײַך האַלט עס ליבע, הייסער פון אײַך
קנאה.
ה ײ ס ע ר פון אײַך טראָגט עס נקמה, הייסער פון אײַך
— שׂנאה.
איר זײַט אַלע בײַ מיר אין די הענט. איך וועל אײַך ווײַזן,
אַ, דו, שיינע דינה, מיט דײַן שטאַרקן ווילן פון אײַזן!
דו, אלעזר, מיט דײַן חכמה, בר־כּוכבא מיט דײַן גבורה!



זייערע ביינער וועלן צעקנאַקן מײַנע שאַרפע ציין פון מסירה!
נקמה, נקמה, נקמה! אַ, ווי זיס ביסטו, נקמה!
דו ביסט איצט מײַן לעבן, מײַן נשמה.

זינגט:



אַלצדינג איז בײַ מיר פֿאַרשטעלט
מיט דער שוואַרצער מאַסקע — דערפֿאַר
הייס איך בײַ דער וועלט:
אַ קבצן און אַ נאַר;
כאַ, כאַ! איך לאַך מיך אויס! (2 מאָל)
וואָס דאַרף מיר יעדער וויסן, אַז איך בין אַ גבֿיר?
איך מאַך מיך פֿאַר אַ נאַר, מען זאָל זיך ניט היטן פֿאַר מיר.
ווו מען דאַרף, האָב איך אויך כּוח;
ווו מען דאַרף, בין איך פֿרום אויך,
אין חניפֿה בין איך ערשט גאָר גרויס!
איך נאַר־אויס סודות בײַ די קלוגע,
איך מאַך זיי אַלע דול, משוגע,
און טו דערנאָך אַ שפּיצל אַפּ, אַז ס'טוט זיי אַלע וויי,
און קוועל און לאַך פֿון זיי. (2 מאָל)
אוי, די נקמה,
איז מײַן נשמה, (2 מאָל)
מײַן לעבן, מײַן נחמה!
און אַז מיך האָט מיט אַ מום
באַשאַפֿן די נאַטור,
און אַז איך בין בלינד און קרום —
צו וואָס טויג איך, כּ'לעבן, נאַר?
כאַ, כאַ! איך לאַך מיך אויס. (2 מאָל)
אָבער וואָס דאָס איין־און־איינציק אייגעלע זעט?
אָבער וווּהין דאָס איין־און־איינציק פֿיסעלע גייט?
מײַן שפּרונג איז לופֿטיק,
מײַן קוק איז גיפֿטיק,
קיינער ווייסט ניט בײַ מיר אַזוי גרויס;
איך שפּרינג־אויס אויף אַלע דעכער,
קוק מיר אויס שטיל אַלע לעכער,



און טו דערנאָך אַ שפּיצל אַפּ, אַז ס'טוט זיי אַלע וויי,
און קוועל און לאַך פֿון זיי. (2 מאָל)
אוי, די נקמה
איז מײַן נשמה, (2 מאָל)
מײַן לעבן, מײַן נחמה!

לויפֿט־אַרויס לינקס

## בילד 5

### 5טע סצענע

שטעלט־פֿאַר דעם הר־המוריה: אויף אים — 4 שטאַנגען, וועלכע זײַנען באַהאַנגען מיט אַלערליי בלומען, געדעקט אַ באַלדאַכין. אויף דער בינע, רעכטס, שטייט אַ טראָן. מוזיק פֿאַנגט־אָן צו שפּילן אַ מאַרש. עס קומט־אָן פֿיל יידיש מיליטער, שטעלט זיך לינקס אויף דער בינע; נאָך זיי קומען־אָן מיידלעך, מיט פּרוכטן און בלומען אין די הענט, שטעלן זיך אויס בײַם אַרויפֿגאַנג פֿונעם באַרג. נאָך זיי קומען־אָן כּהנים, לוויים און אַ סך פֿון פֿאָלק. נאָך דעם גייען פֿאַנעטרעגערס, פּאַלמען־טרעגערס. מען פֿירט־אַרײַן בר־כּוכבאַן אויף אַ באַגילדעטן וואָגן: צוויי נעגערס שלעפּן דעם וואָגן. ער גייט־אַראָפּ פֿונעם וואָגן, זעצט זיך אויף דעם טראָן. פֿאַרשיידענע טענצערס טאַנצן פֿאַר אים; פֿריער — מיידלעך, נאָך דעם — די גערזאַנדטע פֿון אשור, נאָך דעם ווילדע בעדויִנערס, אַראַבערס, עגיפּטערס, און בעת דאָס אַלץ ענדיקט זיך, נעמען אים אָן די כּהנים מיט די לוויים און פֿירן אים אַרויף אויפֿן באַרג. ווו עס שטייט דער באַלדאַכין, שטעלט אים אַנידער נעבן כּהן גדול, וועלכער שטייט שוין פֿון פֿריער דאָרט מיט דער שמן המשחה. כּהנים טוען אים די קרוין אָן. דער כּהן גדול גיסט אויף אים אַרויף דעם שמן המשחה און זאַלבט אים.

כאָר זינגט

אַזוי ווי דו ביסט דערהויבן,
מיר זאַלבן דיך אויף ידעם אָרט,

אַזוי זאָל גאָט פֿון אויבן
דיך זאָלבן אין הימל דאָרט!

מען טוט אים אָן די קרוין. בר־כוכבא גייט־אַראָפּ באַגלייט פֿון כהנים מיט לוויים. ער זעצט זיך אַריין אינעם וואָגן. דאָס פֿאָלק לויפֿט אַרום אים און זינגט:

שרײַט זשע אויך!
שרײַט אַלע: בית יהודה ברכו את השם,
ירושלים, אונדזער הייליקע שטאָט,
אונדזער גלאַנץ און אונדזער שײַן.
עפֿן דײַנע טויערן ווײַט,
לאָז דײַנע קינדער אַרײַן!
כאַ! כאַ! כאַ! מיט פּויקן און מיט האַרפֿע־קלאַנג!
כאַ! כאַ! כאַ! מיט טענץ און מיט געזאַנג!

די בינע ווערט באַלויכטן

דער פֿאַרהאַנג פֿאַלט

# 2טער אַקט

## בילד 6

### 1טע סצענע

שטעלט־פֿאַר אַ פּראַכטפֿולן זאַל ביי טורנוס רופֿוס. רעכטס זיצט רופֿוס און סעראַפֿינאַ אויף צווײ גאָלדענע שטולן. לינקס שטייען אַ סך הויף־מיליטער, האַלטן אין די הענט קריגלעך מיט ווײַן און בעכערס. זיי גיסן־אָן פֿון די קריגלעך אין די בעכערס און טרינקען. אַ דינער טראָגט־צו צו רופֿוסן און סעראַפֿינאַן צווײ גאָלדענע בעכערס ווײַן, שטעלט־אַנידער פֿאַר זיי. אַלע זינגען:



**כאָר** — שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע, אַלע ברידער
גיכער, גיכער, טרינקט זשע אויס און גיסט־אָן ווידער!
שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע אַלע ברידער!
גיכער, גיכער טרינקט זשע אויס דעם ווײַן!
**איינינקע** — צו וועמען געהערט די גרעסטע מאַכט?
**אַנדערע** — צו די רוימערס!
**איינינקע** — צו וועמען געהערט די גאַנצע פּראַכט ?
**אַנדערע** — צו די רוימערס!
**איינינקע** — ווער קען טרינקען, טרינקען בעסער? יאָ, די רוימערס.
**אַנדערע** — ווער קען זינגען, זינגען גרעסער? יאָ, די רוימערס.
**אַלע** — שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע אַלע ברידער!
גיכער, גיכער, טרינקט זשע אויס און גיסט־אָן ווידער!
שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע אַלע ברידער!
גיכער, גיכער, טרינקט זשע אויס דעם ווײַן!

### 2טע סצענע

פּאַפּוס קומט־אַריין, פֿאַרבייגט זיך פֿאַר אַלע

**רופֿוס** — אָ, וואָס מאַכסטו פּאַפּוס, מײַן רויטער גוטער פֿרײַנד?
האָסטו עפּעס געבראַכט נײַס, קומסט פֿונעם לאַנד?
צו די דינערס. גיסט אים אָן פֿונעם רויטן, ער איז עפּעס פֿאַרשמאַכט.
נאַ, טרינק, פּאַפּוס! זאָג, וואָס האָסטו עפּעס געבראַכט?

דינערס גיבן אים ווײַן

**פּאַפּוס** — אָ, צופֿיל כּבֿוד, צעזאַר, איך דאַנק אײַך זייער!
איר ווייסט דאָך, אַז איך טרינק קיין ווײַן ניט מער,
בפֿרט אַז יעדער זעט, קוקט פֿון אַלע זײַטן...
ווײַל איך האָב פּשוט מורא פֿאַר אַ גוט אויג׳ ס׳קען מיר נאָך שאַטן...

אַט קענט איר טאַקע באַלד האָבן אַ סימן:
אַט וואַרפּט מען שוין אײַגעלעך אויף מיר זינט איך בין
גקומען...
ווייסט איר טאַקע ווער? איר וועט אײַך גאָר ניט וועלן
גלייבן...
טאַקע אײַער גנעדיקע פֿרוי! די צעזאָרין זאָל לעבן!...
**רופֿוס** — בלײַבט זיצן גלײַך ווי פֿאַרווירט. ווי קוקט אויף סעראַ־
פֿינאַ און זאָגט מיט איראָניע:
שיין, מײַן ליבע סעראַפֿינאַ, איך האָב עס ניט געגלייבט
אויף דיר!
איז דאָס אמת? קומט עס טאַקע אָפּ מיר?
דו, אײַפּערזיכטיקע פֿרוי! וויפֿל דו פּלעגסט מיך פּלאָגן
מיט דײַן וואַנזיניקער אײַפּערזוכט, און איך האָב געמוזט
שווײַגן...
איצט האָב איך דיך דערטאַפּט... זאָג־אַרויס שנעל!
איז ער מײַן נעבן־ליבהאָבער? גייט אַ דועל! צעלאַכט זיך.
**סעראַפֿינאַ** — כלומרשט ווײנענדיק. אַ, מײַן טײַערער מאַן!
דו מוזסט מיר פֿאַרגעבן.
איך האָב געטאָן אַ פֿעלער, וואָס כ׳וועל קיין מאָל אין לעבן
נישט פֿאַרריכטן. איך טאָר עס ניט פֿאַרהוילן.
מײַן האַרץ ברענט אין מיר ווי געגליטע קוילן.
מײַן אויג האָט געזינדיקט אין ד ע ם מאָמענט,
זינט איך האָב דערזען פּאַפּוסן מיט דעם שנור פּערל
אין די הענט.
אַ, איך בין פֿאַרליבט אין דעם, איך לאָז קיין אויג ניט אַראָפּ
ליבלעך. קויף עס מיר, איך בעט דיך, בײַ אים גיכער אָפּ!
**פּאַפּוס** — מיט אַ שמייכל. נאַ, אויב פּאַפּוס האָט אַ גוטן קוק!
איך האָב אײַך געבראַכט נאָך אַ בעסערן אַנטיק:
אַ ברילִיאַנט! וואָס טרעפֿט זיך זעלטן אַזאַ מציאה,
איר האָט דאָך אין די זאַכן, יאָ, אַ גוטע ידיעה,



קוקט אײַך אים גוט אָן, איך געטרוי אײַך אַהיים,
איר מעגט פֿרעגן מענטשן, וואָס זײַנען מבֿינים אויף דעם;
נאָט אײַך אויך דעם בונט פּערל, נאָר זעט, היט עס אָפּ,
די קניפּלעך ניט איבעררײַסן, ווײַל ס׳נעמט זיך אַראָפּ!
**סעראַפֿינאַ** — שיין, איך דאַנק אײַך. איך וועל גיין באַטראַכטן
דעם שנור,
צו רופֿוסן, בעת זי גייט־אַוועק מיט אַ שמייכל
נו, מײַן ליבער? וועסטו נאָך אײַפֿערן אויף מיר?
**רופֿוס** — קוקט זי ליבלעך אָן. גיי, מײַן ליבע! מעגסט עס
דיר אַנקוקן —
סעראַפֿינאַ גייט־אַוועק רעכטס צו פּאַפּוסן
ווי לאַנג, פּיפּוס, ווילסטו מיך אויסברענגען מיט דײַנע אַנטיקן?
**פּאַפּוס** — דאָס בינטל מיט פּערל האָב איך געבראַכט דער צעזאָרין.
פֿאַר אײַך האָב איך אויך אַ בינטל, נאָר איר זאָלט זיך
ניט בייזערן.
**רופֿוס** — קוקט אים פֿאַרוווּנדערט אָן. אַ בינטל מיט פּערל
האָסטו אויך פֿאַר מיר?
**פּאַפּוס** — יאָ, אַ בינטל, נאָר מיט קניפּלעך — — ניט קיין שניר!...
**רופֿוס** — מיט כעס. רעדסט אַלץ מיט דײַנע סודות? איך ווער
שוין בייז, דו, הונט!
**פּאַפּוס** — יאָ, פֿון אײַערטוועגן איז דאָ טאַקע אַ גאַנצער בונט!
ער טוט אַ וווּנק צו רופֿוסן, ער זאָל הייסן דעם עולם אַרויסגיין. רופֿוס
טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. אַלע גייען־אַרויס.
יאָ, קניפּלעך אַ סך ווערן איצט געמאַכט פֿון אַלע יידן,
ווײַל זיי זײַנען פֿון דער רוימישער מאַכט ניט צופֿרידן.
דער בונט איז שוין אָפּגעמאַכט; דאָס איז געוויס,
אַז בײַ איין פּיפּס שטייען זיי אַלע אויף די פֿיס.
דערקלערן קריג די רוימערס — אַראָפּוואַרפֿן דעם יאָך!
דער אויפֿשטאַנד דאַרף געשען נאָך הײַנטיקע וואָך...

רופֿוס — באַטראַכט אים די גאַנצע צײַט מיט בײזע בליקן. נאָך דעם זאָגט ער: אַוועק, דו, ליגנער! וואָס פֿאַר אַ באַווײַז קענסטו מיר געבן,
אַז איך קען דיר אויף דײַנע שרעקלעכע רייד גלייבן?
פּאַפּוס — אַ, צעזאָר! איר קענט דאָך אײַער פּאַפּוסן, דאַכט מיר, ניט פֿון הײַנט.
זאָגט זשע אַליין: איז אײַך מײַן געטרײַשאַפֿט ווייניק באַקאַנט?
רופֿוס — געלאַסענער. יאָ, ביסט מיר געטרײַ. ס'איז אמת. פֿאַר וואָס זאָל איך זאָגן?
איך האָב מיך אויף דײַן געטרײַשאַפֿט נישט צו באַקלאָגן;
נאָר אויב דאָס איז ווירקלעך אַזוי, גיב מיר אַן עצה דערצו,
דערצייל מיר, דערקלער מיר, ווער, וואָס, ווען, ווי?
קלוג ביסטו, פּאַפּוס, דער רוח האָט דיך ניט געגומען.
צו גוטע עצות ביסטו שטענדיק צו נוץ געקומען...
פּאַפּוס — מײַן עצה איז... פֿאַרטראַכט.
רופֿוס — איז וואָס?
פּאַפּוס — — — — יאָ, אַזוי מוז מען זײַן...
רופֿוס — אומגעדולדיק. ווי אַזוי, נו?
פּאַפּוס — מײַן עצה איז...
רופֿוס — מיט אַ געשריי. איז וואָס! דו רעדסט צי נײַן?
פּאַפּוס — מײַן עצה איז, די ק ע נ י ג י ן פֿון די בינען צו דערטאַפּן.
וועט איר שוין אַלע בינען גאָר גרינג קענען כאַפּן...
רופֿוס — ווידער רעדסטו מיט משלים? ווידער מיט דײַן שפּאַס?
רייד דײַטלעך, ווײַל דו ברענגסט מיך אין כּעס!
פּאַפּוס — וואָס טויג דער כּעס? מ'דאַרף נאָר מיט גוטן גיין.
די זאַך איז גאַנץ פּשוט: דאָ דאַרף מען נאָר זען
דעם גרויסן קאָפּ באַקומען פֿון דער מרידה,
ער איז שוין איצט געקרוינט פֿאַר אַ מלך איבער יהודה — —
שמעון בר־כּוכבֿא מײַן איך. ער פֿירט דאָס גאַנצע רעדל



און ער מוז אויסגיסן פֿאַר אַלע דאָס בעדל...
א י ם דאַרף מען נאָר זען מאַכן קירצער מיט אַ קאָפּ.
איז אַן סכּנה — ווערט שטיל מיט איין קלאַפּ!...
רופֿוס — נאָכדענקענדיק. יאָ, כאַפּן? דאָס איז ניט קיין פֿליג — אַ געזונטער יונג!
צו דערטאַפּן אַזאַ העלד דאַרף ניט זײַן אַזוי גרינג.
ווי אַזוי כאַפּט מען שנעל אַזאַ ווילדן טיגער?
אפֿשר ווייסט? נו, זײַ אַ קלוגער! — — —
פּאַפּוס — באַ, מיר וועלן באַקומען אַן עצה, אַז מיר וועלן קלערן —
רופֿוס — געפֿינסטו, וועסטו בײַ מיר די רעכטע האַנט ווערן,
אויסער דעם וואָס דו באַקומסט פֿון מיר אַ פֿולע האַנט
גאָלד און זילבער, מיט אַ שמייכל, וואָס דאָס האָסטו דאָך גאָר פֿײַנט...
פּאַפּוס — אַ, זאָל גאָט היטן! אַזאַ מצווה פֿאַר געלט צו פֿאַרקויפֿן?
ווי פּאַפּוס האָט ליב געלט, נאָר ניט בײַ אַזאַ... אופֿן:
דאָרט ווו מײַן מלכות קען לײַדן דערבײַ...
אָט האָט איר מײַן עצה א ו מ ז י ס ט! און איר ווייסט
ווער ס'איז אײַך געטרײַ!
איר כאַפּט נאָר א יי ן טויב, וועט די צווייטע טויב אַליין קומען!...
איר קענט דאָך ר' אלעזר המודעי, דעם אַלטן, דעם פֿרומען?
רופֿוס — יאָ, ווער קען ניט דעם ערשטן געלערנטן פֿון יהודה?
פּאַפּוס — נו, און זי קענט איר דאָך אַוודאי! זײַן שיינע בת יחידה...
דינה! ניט איין מאָל האָט זי שפּאַצירט אין דער געגנט.

בייגט זיך צו צו אים און זאָגט מיט אַ שמייכל

איר פֿלעגט שטענדיק וואַרפֿן אויף איר אייגעלעך, ווען איר האָט זי באַגעגנט...
רופֿוס — דינה? אָט די ייִדישע געטין, דאָס איז זײַן קינד?

**פּאַפּוס** — או... הום! זי איז שוין בר־כּוכבֿאס כּלה אַצינד!
דער אַלטער האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי אים געבן
נאָר דעמאָלט, ווען ער וועט מיט די רוימערס אין פֿרידן
לעבן;

ער האָט אָבער געשווירן, אַז ער נעמט ערשט די כּלה,
ווען ער וועט אַרויסטרײַבן די רוימערס אַלע.
אַצינד דאַרף איר שוין ניט קלערן קיין סך,
ווי מע דערטאַפּט דעם בחור אין פּאַלאַץ צו אײַך...

**רופֿוס** — קלערט. איך האָב שוין געקלערט. נו, וואָס קלערסטו?
זאָג!

**פּאַפּוס** — מיט אַ שמייכל. אָ, דאָס איז גוט געקלערט, קלוג ווי
דער טאָג!

בלײַבט עס, הייסט׳ס, אַז נאָר פּאַפּוס דאַרף אונטערשטעלן
זײַן פּלייצע.

אַ ל ק פּאַפּוס דאַרף געבן די בעסטע עצה? פּויזע.
איר זײַט דאָך אַ ג ו ט ע ר יעגער, איר כאַפּט די „זי“
פֿונעם טײַבל

וועט דער „ער“ שוין אַליין קומען צו פֿליען צום ווײַבל...

**רופֿוס** — ווידער מיט משלים? אָ, דאָס מאַכט מיר דעם טויט!
פּאַפּוס, הער־אויף צו ווײַצלען, ווען מ׳שטייט אין אַ נויט!

**פּאַפּוס** — נו, גענוג. איר שיקט רופֿן צו זיך ר׳ אלעזר דעם פֿרומען,
ער וועט צו אײַך אָן זײַן טאָכטער געוויס ניט קומען,
און מאַכט אויף אים אַ בילבול, אַז ער האָט דאָ אין
גאַנצן צו טאָן,

און דער בונט איז ז ײַ ן אַרבעט (כאָטש ס׳הייבט זיך
גאָר ניט אָן),

ווײַל ער איז דער אײַנציקער, וואָס שרײַט נאָר „פֿרידן“!
ער האָט שוין לאַנג געוואָלט דאָ זײַן, בעטן פֿאַר די יידן,
און אַזוי ווי זײַן טאָכטער וועט מיט אים אויך גיין,
ווײַל אויף דער עלטער לאָזט זי אים ניט גיין אַליין,



וועט איר זײַן טאָכטער פֿאַר אַ משכּון בײַ זיך פֿאַרהאַלטן,
און כּדי צו מאַכן שלום — אַוועקשיקן אַהיים דעם אַלטן;
בר־כּוכבֿא וועט עס באַלד דערהערן, וועט ער גיך קומען
צו לויפֿן,

זײַן געפּאַנגענע געליבטע פֿון אײַערע הענט אויסצוקויפֿן...
דענסטמאָל... אַז מען דערטאַפּט צו זיך אָט אַזאַ אַנטיק,
מאַכט מען אים כ י ק... כיק!... און עס וועט זײַן
מיט גליק!

בעת ער זאָגט „כיק, כיק!“, ווײַזט ער מיט דעם פֿינגער איבערן האַלדז, גלײַך ווי מען קוילעט איינעם. רופֿוס צעלייגט זיך איבער דער שטול און בלאָזט זיך אָן, גלײַך ווי איינער וואָס וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ אַ שווערע משא.

**רופֿוס** — אָ... פֿאָ! אַ גאַנצע לאַסט איז מיר אַראָפּ פֿונעם האַרצן!
דו ווייסט גאָר ניט, וויפֿל איך האָב דערפֿון געהאַט שמאַרצן.

ער לייגט־אַרויף די האַנט אויף זײַן אַקסל

פּאַפּוס, ווען איך פֿיר דאָס אויס אין אַלע פֿאַכן,
ווייסטו גאָר ניט ווי גליקלעך איך וועל דיך מאַכן.
צו די דינערס. הע, שליח! ווער פֿון אײַך וועט שנעלער
גיין, ווער?

דעם אַלטן אלעזר אויגנבליקלעך ברענגען אַהער!

אַ דינער טרעט־אַרויס, פֿאַרנייגט זיך און גייט־אַוועק

צו פּאַפּוסן. באַלד וועט מען זי ברענגען, איך האָב שוין אַ
באַפֿעל געגעבן,

נו, אַז ס׳איז יאָ אַזוי, מוזן מיר שוין צום לעבן...
דינער! שנעל ברענג־אַרײַן נאָך אַ מאָל פֿונעם רויטן...
מיר וועלן טרינקען אויף דעם וואָס העלפֿט אין אַלע נויטן!

דינער ברענגט־אַרײַן ווײַן, גיסט־אָן אין בעכער, וואָס פֿאַר רופֿוסן, נאָך דעם טראָגט ער צו פּאַפּוסן אַ בעכער ווײַן, נאָך דעם גיסט ער אָן אין אַלע בעכערס פֿונעם מיליטער.

**רופֿוס** — הייבט־אויף זײַן בעכער אין דער הויך, גיט אַ געשריי.
וויוואַט!

**אַלע** — וויוואַט! וויוואַט! זינגען.




**שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע אַלע ברידער!**
**גיכער, גיכער, טרינקט זשע אויס און גיסט אָן ווידער!**
**שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט זשע אַלע ברידער!**
**גיכער, גיכער, טרינקט זשע אויס דעם ווײַן!**

**אייניקע** — צו וועמען געהערט די גרעסטע מאַכט?



**אַנדערע** — צו די רוימערס!
**אייניקע** — צו וועמען געהערט די גאַנצע פּראַכט?
**אַנדערע** — צו די רוימערס!
**אייניקע** — ווער קען טרינקען, טרינקען בעסער?
**אַנדערע** — יאָ, די רוימערס!
**אייניקע** — ווער קען זיגן, זיגן גרעסער?
**אַנדערע** — יאָ, די רוימערס!
(4 מאָל)

**אַלע** — שטאַרקער! שטאַרקער! ביז אויס ווײַן.
**רופֿוס** — נאָך אַ מאָל — דאָס זעלביקע נאָך איין מאָל!
יאָ, יאָ, חזרט עס איבער אָן אַ צאָל!
**אַלע** — שטאַרקער! שטאַרקער! ביז אויס ווײַן.
**רופֿוס** — אַלע קריגלעך מוזן ליידיק ווערן,
אײַער געביטער מוזט איר אַלע הערן!
כאָר חזרט־איבער
גיסט זשע אָן אויף ס'נײַ נאָך ווײַן!
כאָר חזרט־איבער
גיסט זשע אָן אויף ס'נײַ אָט דעם רויטן ווײַן!
כאָר חזרט־איבער
וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט! לאָמיר פֿריילעך זײַן!
כאָר חזרט־איבער

בעת אַלע טרינקען, זינגען, רוקט זיך פּאַפּוס אַלע מאָל נענטער צו דער טיר, ביז ער רוקט זיך אַרויס אין גאַנצן, אַזוי אַז קיינער באַמערקט עס ניט.

## 3טע סצענע

אלעזר מיט דינהן קומען־אַריין, פֿאַרנייגן זיך

**רופֿוס** — ווי קומט עס, דו, אַלטער חכם אלעזר,
וואָס דו רעדסט צו דײַן פֿאָלק מורד זײַן קעגן דעם קייסער?

אלעזר מיט דינהן קוקן זיך פֿאַרוווּנדערט אָן

**אלעזר** — מוזסט מיר מוחל זײַן, אָ, צעזאַר, לאַנג זאָלסטו לעבן!
איך קען גאָר ניט דענקען, זאָלסט אויף מיר אַזאַ זאַך גלייבן;
בײַ אַלע קעניגן און אין גאַנצן לאַנד בין איך באַקאַנט,
אַז נאָר  ש ל ו ם  האָב איך ליב — קריג האָב איך פֿײַנט.
איך שווער בײַ מײַן קינד, זי איז בײַ מיר טײַערער פֿון
אַלע סגולות,
אַז דאָס, וואָס מען האָט דיר דערציילט, איז פֿאַלש און רכילות!
**רופֿוס** — איז דען דאָס ניט אמת? איז דאָס ניט קיין ראיה?
פֿאַר וואָס שווײַגסטו בר־כוכבאַן, אָט דער ווילדער חיה,
וואָס אַנצומאַכן בונטן לויפֿט ער אַרום ווי אַ רוח?
נאַרט־אָפּ די ייִדן, און זאָגט, ער איז משיח!
**אלעזר** — אמת, מיר ייִדן, גלייבן, אַז עס וועט קומען משיח,
נאָר דאָס וועט זײַן  אַ  מ אָ ל !  אַ מאָל... ניט אַזוי גיך...
דערווײַל, איידער עפּעס וועט אַ מאָל זײַן,
פֿאַרהאַלטן מיר זיך רויִק, געלאַסן און פֿײַן.
ווער שמועסט, דײַנע דינערס זאָלן מײַן פֿאָלק ניט אַזוי דריקן,
ווען מען זאָל אונדז באַהאַנדלען מענטשלעך, ניט אומזיסט
אונדז דערשטיקן,
ווי שטיל דאָס פֿאָלק וואָלט געווען, וואָלסטו געזען אַליין,
געטרײַע קנעכט וואָלטן זיי דיר אייביק געווען —
וואָלסט אַליין פֿון זיי אויף הנאה געהאַט!
נאָר לאָזן אונדז רויִק ליבן אונדזער תורה, אונדזער גאָט!
**רופֿוס** — „אונדזער תורה, אונדזער גאָט!"... ווי קען זיך דאָס פּאַסן
אַזאַ תורה וואָס לערנט אײַך אַלע פֿעלקער האַסן?
איראַניש. איר באַרימט זיך, אַז בײַ אײַער גאָט זײַנען
אַלע נמאס,
נאָר  א ײַ ך  האָט ער אויסגעקליבן פֿון אַלע אומות!...
**אלעזר** — וועסט מיר מוזן מוחל זײַן, חשובֿער פֿאַרטרעטער
פֿונעם קעניג,



אַז איך וועל מיינען, אַז דו קענסט אונדזער תורה זייער
ווייניק! —
אונדזער תורה הייסט  נ אָ ר  ליבן פֿרעמדע אַן אַ שיעור,
דערפֿאַר טאַקע זײַנען מיר אַזוי שטאָלץ אויף איר,
ווײַל זי רעדט נאָר פֿון  ב ר ו ד ע ר ש אַ פֿ ט,  ל י ב ע
צו אַלע גלײַך —
פֿון רחמנות, גענאָד, באַרעמהאַרציקייט אַ סך!
און וואָס  ש אַ ד ט  עס דעם הערשער, אַז עס זײַנען
אים אונטערטעניק
אַזעלכע וואָס ריידן וועגן זייערע  ר ע כ ט  פֿאַרן קעניג,
אַז זיי האָבן איין גאָט, וואָס האָט זיי די תורה געגעבן,
וואָס הייסט אַלע מענטשן גלײַך שאַצן און ליבן,
בפֿרט דעם  ג ו ט ן  באַלעבאָס וואָס הערשט מיט ישרנות,
פֿאַר אים שטרעקן דאָס לעבן, אַפֿילו מיט סכנות?!
**רופֿוס** — „בפֿרט דעם גוטן באַלעבאָס וואָס הערשט מיט ישרנות?"
איך פֿאַרשטיי דיך, דו, חכם, ווהין עס ווינקט דײַן לצנות.
ס'הייסט: מיר הערשן מיט יושר, נאָר — — נאָר פֿאַרקערט!
אוי, אַלטער פֿוקס, ביסטו דערפֿאַר ווערט!
**אלעזר** — איך רעכן, אַז אַזאַ הערשער ווי דו, וואָס שטייט
אַזוי הויך,
וואָלט ניט געשאַדט צו פֿאַרשטיין  מ ע נ ט ש ל ע כ ק יי ט
אויך —
ניט איין מאָל האָט אויף אונדז געהערשט דער מלך פֿון פּרס,
ער האָט אונדז גוט באַהאַנדלט, ניט אָנגעטאָן קיין צרות,
האָבן מיר אין אמתן געבעטן פֿאַר זײַן לעבן.
נאָר צײַט גאָט האָט אונדז אין די הענט פֿון די רוימערס
איבערגעגעבן,
איז באמת ניט אויסצושטיין פֿון זייער רציחה!
איך באַקלאָג מיך ניט, חלילה, אויפֿן מלך און אויף דער
מלוכה,

ער זאָל אייביק לעבן! אָ, ער איז גוט ווי די וועלט.
איך רייד נאָר פֿון די  ק ל יי נ ע  הערשערס, וואָס ער
האָט איבער אונדז געשטעלט.
די  ק ל יי נ ע  הערשערס ווייסן גאָר פֿון קיין
מענטשלעכקייט ניט.
זיי באָדן זיך אומברחמנות אין אונדזער ייִדיש בלוט.
געוויס, ווען מ׳וועט זיי אַזוי מאַרטערן [1] און קוועלן,
וועט עס מוזן אָנקומען צום קייסער, מען וועט עס אים
דערציילן —
איך האָב שוין לאַנג געוואָלט קומען אַהער צו גיין,
בעטן, זאָלסט אָנזאָגן דײַנע מענטשן זיך אוממענטשלעך
ניט צו באַגיין.
פֿרעג מיט „שלום“, וועט מען דיר „שלום“ ענטפֿער געבן!
יאָ, שלום! פֿאַר „שלום“ גאַראַנטיר איך דיר מיט מײַן לעבן!

**רופֿוס** — גאַראַנטירסט מיר. יאָ, אַז דו וועסט זען ס׳זאָל זײַן
פֿרידן?
איך גלייב דיר אָבער ווייניקער ווי אַלע דײַנע ייִדן.
אַ סימן וועל איך האָבן, אַז איך קען אויף דײַנע רייד שטעלן,
אַז דו וועסט מיך געבן אַ משכּון, וואָס מיר וועט געפֿעלן:
קער דיך אַהיים צוריק און, ביז דו וועסט ניט מאַכן שלום
פֿריִער,
פֿאַרהאַלטן וועל איך פֿאַר אַ משכּון דײַן  ט אָ כ ט ע ר
בײַ מיר.

אלעזר מיט דינהן דערשראָקן, שפּרינגען אָפּ

**אלעזר** — אָ, צעזאַר! וואָס רעדסטו? איז ערנסט דײַן מיין?

**רופֿוס** — קאַלטבלוטיק. ערנסט! גאַנץ ערנסט! אַזוי מוז און אַזוי
וועט עס געשען!

---
[1] פּייניקן, מאַכן פֿאַר מאַרטירערס.



**אלעזר** — ניין, אָ, ניין, איך גלייב עס אויף דיר ניט.
אַז דו זאָלסט מאַכן אַזאַ געוואַגטן שריט!
מיט דעם מיינסטו צו פֿאַרלעשן דעם פֿלאַם וואָס ברענט
אַרום דיר?
אָ, וועסט אים נאָך שטאַרקער צעפֿלאַקערן. גלייב זשע מיר!
אַט דאָס הייסט בײַ דיר „שלום“? דאָס הייסט בײַ דיר
„מיט גוטן?“
געדענק דעם אַלטנס רייד, איך זאָג דיר, זאָלסט דיך היטן!
מיט דעם וועסטו פֿאַר רויבפֿייגל מאַכן די רויִקע טויבן.
ווען די ייִדן וועלן הערן, אַז דו ווילסט נאָך זייערע קינדער
רויבן,
וועסטו מיט  ד ע ם  זייער האָס שרעקלעך צערייצן...
ד י  אַליין וועסט דיר דאָס פֿײַער אונטערהייצן...
דאָס קינד וועט דיר ניט העלפֿן, דײַן שטיצע איז שוואַך!
דו שיק בעסער צום קייסער, ער זאָל דיר אונטערשיקן
חייל אַ סך,
ווײַל אַנטקעגן אַזאַ גרויסער מאַכט, וועסטו זיך ניט
קענען ווערן...
דו האָסט דאָ  ו יי נ י ק  חייל, גאָט ווייסט וואָס עס
קען ווערן!

**רופֿוס** — בייז. איך באַדאַרף ניט דײַנע עצות, אַהיים זאָלסטו גיין!
נישקשה, איך וועל קענען אָן דיר מײַן שטעטל באַשטיין.

אלעזר וויל אים עפּעס זאָגן

אַוועק, זאָג איך דיר, פֿון מיר, איידער מײַן צאָרן האָט
זיך צעגאָסן!
איך האָב געזאָגט, אַזוי מוז עס בלײַבן, אַזוי האָב איך
באַשלאָסן!

**אלעזר און דינה** —
צעזאַר! אָ, צעזאַר!

**רופֿוס** — אַוועק, זאָגט מען אײַך, מיט גוטן!

**אלעזר** — אָ, צעזאַר, איך בעט דיך, גאָט זאָל דיך היטן!

פֿאַלט אויף די קני

זע דעם כּבֿוד, וואָס איך גיב דיר אָפּ, גאָט זאָל דיך בענטשן,
דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן, קניט דער אַלטער
פֿאַר אַ מענטשן...
ניין, מײַן איינציק קינד מוזסטו מיר אָפּגעבן,
האָב רחמנות אויף אונדז, און אויף ד ײַ ן לעבן!

ער גיט זיך פּלוצעם אַ הייב־אויף און זאָגט מיט אַן ערנסטער מינע

יאָ, אויף ד ײַ ן לעבן זאָג איך, זאָלסטו האָבן רחמנות!
ווײַל דו וועסט דעם ווילדן טיגער מיט דעם אויפֿרייצן
מיט סכּנות.
דאָס איז בר־כּוכבֿאס כּלה. און אַז ער וועט דערהערן,
וועט ער נאָך מער אין דער רציחה ווערן!
אָ, דענסטמאָל וועל איך שוין אויך ניט קענען דיר פֿאַרן
שלום שטיין.
ער וועט אַ תּל מאַכן פֿון דיר — ווערסט ניט קענען בײַשטיין!

**רופֿוס** — צום מיליטער מיט אַ געשריי. וואַרפֿט־אַרויס דעם
אַלטן! נו, וואָס שטייט איר?
און די טאָכטער זאָלט איר פֿאַרשליסן אין אַ צימער בײַ מיר!

**אלעזר** — פֿאַלט אויף די קני און זינגט. אוי, האָב רחמנות
אויף מײַנע אַלטע יאָר,
נעם ניט אויף דיר קיין זינד!
רויב ניט די קרוין פֿון מײַנע גרויע האָר! (2 מאָל)
גיב מיר צוריק מײַן קינד!
גיכער קען איך דיר מײַן נשמה אַוועקגעבן,
נעם זי דיר באַלד דאָ צו;
אַבי לאָז די יונגע נאָך לעבן,
צו שטאַרבן איז איר נאָך צו פֿרי! (2 מאָל)



**דינה** — פֿאַלט אויך אויף די קני און זינגט: איך בעט דיך,
ווי יונג איך בין

איך בעט דיך זייער דאָס ניט טאָן!
וואָס האָבן מיר דען בײדע געזינדיקט פֿאַר דיר?
וואָס האָסטו אומזיסט, נעבעך, צו אים און צו מיר?
פֿאַר וואָס זאָלסטו אומברענגען אַ פֿאָטער מיט אַ קינד?
אוי, איז דאָס דען ניט אַ גרויסע זינד?

**רופֿוס** — ניין, מײַן קינד, דאָ וועט ניט העלפֿן קיין געוויין.
איך האָב איין מאָל געזאָגט, און אַזוי מוז געשען!

**אלעזר** — זײַ ניט אַזוי אין כּעס אויף אונדז,
טראָג ניט אַזוי דײַן האַס אויף אונדז! (2 מאָל)

און

**דינה** — וואָס זײַנען מיר דען שולדיק אין דעם?
לאָז אונדז אָפּ געשווינד, לאָז אונדז אָפּ אַהיים! (2 מאָל)

**כּאַר** — גיי, דו, נעם זי! גיי, דו, גיי!
קום מיט מיר, איך גיי פֿריִער, זע!
באַפֿעל, דו, הערשער, וואָס צו טאָן?
זי צו שלעפּן, זאָג, וווהין?

**רופֿוס** — איך האָב איין מאָל געזאָגט, וועל איך האַלטן וואָרט.
היי, דינער! פֿירט־אַרויס דעם אַלטן דאָרט!

סאָלדאַטן ווילן אים נעמען. דינה כאַפּט אים ווידער אַרום און לאָזט אים
ניט נעמען, און גיט אַ געשריי „ניין!“ שטעלט זיך ווידער כאַז רופוסן

**דינה** — ב־רעכנט אײַך נאָר, באַרעכנט אַצינד,
וואָס איר טוט? איז דאָס ניט אַ זינד?

סאָלדאַטן ווילן זי אָפּרײַסן פֿונעם אַלטן. זי לאָזט זיך ניט, וואַרפֿט זיי אָפּ
און ראַנגלט זיך מיט זיי.

ניין! ניין, ניין, ניין, איך לאָז ניט!
נעמט אײַך פֿאַר אים מײַן לעבן —
ניין! ניין, ניין, ניין, איך לאָז ניט!

מײַן פֿאָטער מוזט איר מיר אָפּגעבן!
אָפּגעבן מוזט איר מיר אים שנעל!
גוואַלד, וואָס האָט איר צו אים? (2 מאָל)
טייט אונדז בעסער געשווינד,
אײדער צו שיידן אַצינד!
ניין! ניין, ניין, ניין, איך לאָז ניט! (4 מאָל)
נעמט אײַך אונדזער לעבן,
איר, ווילדע וועלף און לייבן!
איך לאָז ניט! (4 מאָל) ניין!

סאָלדאַטן נעמען־אָן דעם אלטן. אַנדערע נעמען אָן דינהן. זי רייסט זיך צום פֿאָטער, שרייט מיט אַ ווילדן קול. ענדלעך פירט מען זי אַוועק, אים באַזונדער, זי באַזונדער. רופוס און אַלע איבעריקע גייען־אַרויס נאָך זיי.

## 4טע סצענע

פֿון דער לינקער זייט קומט־אָן פּאַפּוס, גלײַך ווי ער גנבעט זיך אַריין, קוקט אין דער זייט אַריין וווּ מען האָט דינהן אַוועקגע־פירט, צעלאַכט זיך מיט אַ ווילדן געלעכטער.

**פּאַפּוס** — מיט פֿרייד. האַ, די נקמה איז מײַן נשמה, מײַן לעבן, מײַן נחמה!

אָ, דינה, דינה! אַט האָסטו דיר, דו, שיינס!
איך האָב דיך ג ו ט שוין פֿאַרזאָרגט? דאָס איז נומער איינס!
דײַן טאַטע וועט אויך באַלד בלײַבן אַ זכרונו לבֿרכה...
מיט אים אָפּצוטאָן איז גאָר קיין מלאָכה!
נו? און דו, שטאָלצער רוימער מיט דער מעשענער כּובֿע??!
כאַ, כאַ, כאַ! ער מיינט אין אמתן, אַז איך מיין נאָר זײַן טובֿה...
ער מיינט אין אמתן, אַז ער איז נאָר איינער...
אוי, וועט אים שמעון בר־כּוכבֿא ברעכן די ביינער!



מיט א יי ן בלאָז מאַכט ער פֿון אים אַש,
רופֿוסעס קאָפּ ליגט שוין ווי בײַ בר־כּוכבֿאן אין טאַש;
ווײַל איך האָב אים שוין מודיע געווען אויף דער הייסער שעה,
אַז זײַן כּלה איז פֿאַרשפּאַרט אין אַ פֿעסטונג דאָ — —
דערנאָך וועט קומען דער שוחט און וועט קוילען דאָס קעציניאַ...

שמעוניאַ... בר־כּוכבֿאַניאַ... חד גדיאַ, חד גדיאַ!

ער זינגט:

— 1 —

פּאַפּוס הייס איך!
אַלצדינג וויים איך,
אומעטום שטעק איך אַרײַן די נאָז —
אַ יוווילער־הענדלער,
אויך אַ טענדלער,
אַבי צו פֿאַרדינען דאָס ביסעלע מעות;
ברילִיאַנטן־שטיינער,
העלפֿאַנט־ביינער —
חד גדיאַ!
פּערל אַ שניר,
אַלצדינג בײַ מיר —
חד גדיאַ!
איך דינג מיך ניט אַראָפּ, אַרויף —
חד גדיאַ!
און דער קונה האָט אַ שוואַרצן סוף;
חד גדיאַ!

— 2 —

דינה, די שיינע,
מוז זײַן מײַנע,

עס וועט ניט העלפֿן אַפֿילו קיין טאַטער —
ווער עס וועט ניט וועלן,
אים ניט געפֿעלן,
וועל איך אים הערן ווי דעם קאַטער.
מיט דעם איינעם אויג,
וואָס מיר טויג —
חד גדיאָ!
מיט דעם קרומען פֿוס,
צוקער זיס —
חד גדיאָ!
קיינער וועט מיט מיר ניט קאָנקורירן...
חד גדיאָ!
און איך וועל דאָך מײַנס אויספֿירן.
חד גדיאָ!

— 3 —

בר־כּוכבֿא, דעם העלד,
אויף יענער וועלט
וועל איך באַזאָרגן אַ שיינע דירה —
אלעזר דעם אַלטן,
וועל איך באַהאַלטן —
איך וועל זיי מאַכן די פּגירה.
אויף דעם צעזאַר,
וואָס איז אַ בייזער —
חד גדיאָ!
וועל איך אַ שטיקל [1] אויפֿשפּילן:
ער וועט האָבן צו פֿילן —
חד גדיאָ!

[1] אַ נומער מוזיק, אַ קונץ, אונטערשטעלן אַ פּיסל.



דאַן וועל איך זײַן אויף פּסח אַ מלך —
חד גדיאָ!
און איך וועל מיר זינגען גאַנץ פֿריילעך —
חד גדיאָ!

ער דערהערט, ווי מען קומט־אָן, כאַפּט ער זיך צוריק, קיינער זאָל אים ניט באַמערקן.

## 5טע סצענע

אַלע קומען־אַריין צוריק. רופוס זעצט זיך צוריק אויף דעם טראָן. סאָלדאַטן שטעלן זיך אויך צוריק אויף זייער אָרט אַנטקעגן רופוסן. רופוס שפּאַרט־אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און פֿאַר־טראַכט זיך. פֿון לינקס קומט־אָן אַ מיליטעריסט, גייט־צו גלייך צו רופוסן.

**מיליטעריסט** — דער ייִדישער העלד בר־כּוכבֿא פֿרעגט זיך אַהער!

רופוס הייבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט אויפֿן מיליטעריסט, בלייבט זיצן פֿאַר־טראַכט, נאָך דעם זאָגט ער צו אים:

**רופֿוס** — לאָז אים אַרײַן, נאָר טו אים אויס זײַן געווער!

מיליטעריסט נייגט זיך און גייט־אַוועק לינקס

## 6טע סצענע

בר־כּוכבא לויפֿט שטאָלץ אַריין און קוקט בייז אויף רופוסן

**רופֿוס** — וואָס פֿאַר אַ זאַך האָט דיך אַהער געבראַכט,
פֿון אַלע ייִדן די גרויסע מאַכט?
**בר־כּוכבֿא** — צו פֿאָדערן ר׳ אלעזרס טאָכטער בין איך געקומען,
וואָס דו האָסט זי מיט געוואַלט געפֿאַנגען גענומען.
**רופֿוס** — וואָס פֿאַר אַ רעכט האָסטו צו ווײַזן אויף איר
מער ווי איר פֿאָטער, זי צו פֿאָדערן בײַ מיר?
**בר־כּוכבֿא** — דו רויבסט־אַוועק אַן יושר אַ קינד

און מיך פֿרעגסטו נאָך אויף רעכט אַצינד?
ס'איז קיין וווּנדער, וואָס דײַנע מענטשן באַהאַנדלען אונדז
אַזוי שלעכט.

ווען דער הערשער אַ ל יי ן ווייסט ניט פֿון קיין רעכט!

**רופֿוס** — אויב דו ביסט געקומען מיר פֿאַרשרײַבן געזעצן,
האָב איך דערצו אַן אַ נ ד ע ר ע צײַט און אַנדערע
פּלעצער...

איצט זאָג, וואָס דו ווילסט, אויב איך דאַרף עס וויסן,
ווײַל פֿיל צײַט האָב איך ניט מיט דיר צו שמועסן.

**בר־כּוכבֿא** — גיב־אָפּ דאָס קינד די ייִדן, דאָס פֿאָדערן אַלע,
און איך אַ ל יי ן פֿאָדער בײַ דיר מײַן געליבטע כּלה!
גיב זי אָפּ, אויב דו ווילסט מיטן וועג דעם גערעכטן —
וועסטו זי ניט געבן מיט גוטן, וועסטו זי געבן מיט שלעכטן!

**רופֿוס** — האַ, האַ! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, מיט ווער מען איך
רייד דאָ, מײַן ליבער!

שפּאָטיש. דו ביסט דאָך הײַנט בײַ די ייִדן דער שמשון
הגיבור...

אויב אַזוי, אַ נו, באַווײַז נאָר דײַן גבֿורה אַצינד?
באַפֿרײַ פֿון מײַנע הענט דאָס ייִדישע קינד?!

**בר־כּוכבֿא** — ווילסט וויסן, ווער פֿון אונדז איז אַ גרעסערער
העלד?

איז ניט ד אָ דאָס פּלאַץ — קום מיט מיר אויף דעם
אָפֿענעם שלאַכטפֿעלד!

**רופֿוס** — בייז. שטיל, דו, געמיינער עבֿרי! צו פֿיל כּבֿוד פֿאַר דיר,
מײַנער אַ דינער זאָל זיך שלאָגן מיט מיר!
ווייסטו דען ניט, אַז איך קען דיך דאָ באַלד טייטן?
סאָלדאַטן, שליסט אים אין שווערע קייטן!

סאָלדאַטן שליסן אים אין קייטן די הענט

**בר־כּוכבֿא** — שיין! נאָר נאָך מײַן טויט זאָל מען וויסן איבעראַל,
אַז אַ רוימישער העלד קען נאָר זיגן אין אַזאַ פֿאַל,



ווען זײַן קעגנער האָט ניט קיין שטיקל געווער.
פֿע, דאָס זײַנען קיין קייטן — זיי זײַנען ניט שווער!

ער צעגעמט האַסטיק די הענט און עס רײַסן זיך איבער די קייטן. ער גיט
זיי אַ וואָרף אויף דער ערד. אַלע בלײַבן שטיין פֿאַרוווּנדערט און ווי
דערשראָקן.

**רופֿוס** — טרעט־צו שנעל, סאָלדאַט! וואָס שטייסטו, פֿערד?
האַק אים אָפּ שנעל זײַן קאָפּ מיט דער שווערד!

סאָלדאַט טרעט־צו צו אים, כאַפּט־אַרויס די שווערד און הייבט זי אויף
איבער זײַן קאָפּ

**בר־כּוכבֿא** — כאַפּט־אַרויס די שווערד. שטיי, דו, נאַרישער
העלד, דו, שוואַכע אישה!
פֿע, צו ריידן מיט דיר איז מיר גאָר אַ בושה.

ער ברעכט־איבער די שווערד און וואַרפֿט זי אַוועק. אַלע טרעטן־אָפּ
מיט שרעק.

**רופֿוס** — פֿירט אים צו ווילדע חיות אין דער אַרענע אַרײַן
און זאָל ער דאָרט באַווײַזן אַ גיבור צו זײַן!

אַלע ווילן אים אַרומרינגלען

**בר־כּוכבֿא** — טוט אַ געשריי און אַ טופּ מיטן פֿוס. שטייט!

אין דעם מאָמענט טוט אַ זעץ־אַרויס פֿון זײַן קאַסקע אַ פֿלאַם פֿייער —
אַלע טרעטן דערשראָקן צוריק.

**בר־כּוכבֿא** — זינגט. מיר, העלדן, זײַנען דאָך ניט מרה־שחורהדיק,
צום קריג דער שופֿר נאָר רופֿט!

**כאָר** — הערט אַן עזות דאָרט!

**בר־כּוכבֿא** — אַנגעשאַרפֿט זײַנען די שפּיזן גאָר מוראדיק,
געטונקט די פֿײַלן אין גיפֿט!...

**כאָר** — הערט נאָר אויס!

**בר־כּוכבֿא** — מיר שטעכן, מיר ברעכן, מיר שנײַדן נאָר זיגערייש.
מיר רײַסן, מיר בײַסן, מיר ברומען גאָר טיגעריש.
מיר נייטן, מיר קנייטן [1], מיר טייטן גאָר קריגעריש.
די שׂ:נאים, די שׂונאים אַזוי —
זיי פֿאַלן, זיי פֿאַלן ווי שטרוי!

אין דער גאַנצער צייט שרייט דער כּאַר „שטיל!״

כּאַ, כּאַ, כּאַ, ס'איז אַ נאַרישקייט.
**כּאַר** — זעט, ווי ער מאַכט זיך גרויס!
**בר־כּוכבֿא** — כּאַ, כּאַ, כּאַ, ס'איז אַ נאַרישקייט.
**כּאַר** — זעט, ווי ער לאַכט זיך אויס!
**בר־כּוכבֿא** — דער פֿײַנד איז געבויגן צו דער ערד,
אונדז האָט ניט געשאַדט,
ווײַל די אמונה איז אונדזער שווערד
און אונדזער מאַכט איז גאָט! — — ער לויפֿט אַרויס.
**כּאַר** — פֿאַלן זאָל ער פֿון אונדזער שווערד,
ער הערט ניט דײַן געבאָט! כּאַר לויפֿט אים נאָך.

# פֿאַרוואַנדלונג

## בילד 7

### 7טע סצענע

שטעלט־פֿאַר דעם אַמפיטעאַטער פֿון אַן אַרענע. פֿון ביידע זייטן זיצן פֿרויען און דאַמעס. פֿאַראַן אַן אָרקעסטער. איין רײ איבער

[1] ציינדלאַן, ווי מיט אַ קנויט.



דער אַנדערער. אין דער מיט, אין דער הויך, זעט מען אַ לאָזשע מיט אַ רויטן באַלדאַכין. אין דער לאָזשע זיצט טורנוס רופֿוס מיט סעראַפֿינאַן. הינטער דער לאָזשע זעט מען אַ צוגעשלאָסענעם אײַזערנעם טויער. פֿון איין עק ביזן צו דער אַנדערער זײַנען איבערגעצויגן שטאַכעטן, פֿון אײַזערנע פֿיילן געמאַכט. פֿון ביידע זײַטן שטייען צווײ גלאַדיאַטאָרן. ווען דער פֿאַרהאַנג גייט־אויף, שפּילט פֿון אויבן די מיליטער־מוזיק. רופֿוס גיט אַ באַפֿעל צו אַ גלאַדיאַטאָר.

**רופֿוס** — פֿירט־אַרײַן דעם יידישן העלד בר־כּוכבֿא! —
גלאַדיאַטאָר גייט־אַרויס און קומט באַלד צוריק מיט בר־כּוכבאן
**כּאַר** — קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן!
**רופֿוס** — צום צווייטן גלאַדיאַטאָר. לאָזט־אַרײַן דעם אַפֿריקאַנישן לייב!

גלאַדיאַטאָר גייט־אַרויס. מען הערט קלינגען שווערע קייטן און די ברילנדיקע שטימע פֿון אַ לייב. ער שפּרינגט־צו צו בר־כּוכבאן.

**בר־כּוכבֿא** — טוט אַ געשריי צום לייב. שטיי!

דער לייב בייגט זיך אויף די קני. בר־כּוכבא גלעט אים דעם קאָפּ.

**כּאַר** — קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן!
**בר־כּוכבֿא** — שטאָלץ. אָ, איר נאַראָנים! זעט איר אַליין ניט,
אַז פֿאַר אײַך שטייט אַ גיבור?
איז דאָס אַ מיטל מיך צו באַזיגן?
שוואַך זײַט איר אַלע מיך איצט צו קריגן —
יאָ, שעם זיך דאָך און בייג דײַן שטאָלץ,
כאָטש אַן געוועזער שטיי איך פֿאַר דיר,
און דאָך האָב איך פֿאַר דיר קיין מורא ניט! ניין! ניין!
**כּאַר** — קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן!
**בר־כּוכבֿא** — קום נאָר, גיבור, אויף דעם שלאַכטפֿעלד,
וועל איך דיר ווײַזן, דאָרט וועסטו זען,
ווי דײַן אַרמיי וועט פֿאַלן אַזוי ווי שטרוי!

**רופֿוס** — לאַכט מיט גדלות.
**כאָר** — זעט אַן עזות גאָר!
**בר־כּוכבֿא** — ווערסט שפּעטער לאַכן, צו גאָט זיך גליַיכן,
גרויס זיך מאַכן, און אַלע פּאַכן...
אָבער וואָס וועט זײַן דאַן?
אַזוי ווי איין מאַן,
מיר אַלע שנעל,
וועלן זיך טאָן אַ שטעל
און מאַכן פֿון דיר אַ תּל!

אין דעם מאָמענט כאַפּט זיך אַרויף בר־כּוכבא אויף דעם לייב רייטנדיק, זעצט־אויס דעם אייזערנעם טויער, וואָס אונטער דער לאָזשע, און לויפֿט־אַרויס. דער טויער דרייט זיך אום. עס דערשיינט אַ מלאך מיט אַ פֿייער־דיקער שווערד אין דער האַנט.

דער פֿאַרהאַנג פֿאַלט

# 3טער אַקט

## בילד 8

### 1טע סצענע

שטעלט־פֿאָר אַ פֿינצטערן חדר, אַ קעלער אָדער טורמעצעל. אין דער מיט אַ ברייטע קאָלומנע. אין דער טיף קאָלומנע זעט מען אַ בעטל שטיין. נעבן דער קאָלומנע שטייט אַ שווערע האַנטמיל. דינה, איינפֿאַך געקליידט, שטייט נעבן דעם. בשעת דער פֿאַרהאַנג הייבט זיך אויף, זעט מען ווי זי האַלט דאָס הענטל פֿון דער זשאָרנע [1] און דרייט די מיל. ענדלעך הערט זי אויף צו דרייען און לאָזט־אַראָפּ די הענט מיטן קאָפּ זיפֿצנדיק, ווי איינע וואָס איז שטאַרק פֿאַרמוטשעט פֿון דער אַרבעט. גייט נענטער צו דער אָוואַנסצענע צו און זינגט שוואַך.

[1] מילשטיין






— 1 —

**דינה** — כל זמן די זאַנג איז
יינגער
און דער קאָרן — מאָגער,
גרינגער.
כל זמן די זאַנג איז יינגער,
קוקט מען זיך ניט צו!
אין פֿעלד קען זי פֿאַרבלײַבן,
דאָס ראָד קען זי ניט צערײַבן;
אין פֿעלד קען זי פֿאַרבלײַבן —
לאָזט מען זי צו רו.
ווערט נאָר דער קאָרן דיקער,
טוט זיך דאָס ראָד אַ קער;
ער ווערט צערײַבן אויף שטיקער,
מען דערקענט אים שוין ניט מער!

זי קוקט זיך אַרום מיט מורא, לויפֿט־צו צום מילכל, כאַפּט גיך דאָס הענטל און מאָלט.

שלאָף, ניט, דו, אַרבעטער, האַלט פֿעסט דאָס שטילעכל [2]!
פֿלײַסיק צו אַרבעטן איז דאָך אַ שפּילעכל!
דריי זיך גוט, דריי זיך גוט, רעדעלע, מילעכל —
צערײַב גוט דעם קאָרן, צעטייל!
נישטאָ שוין קיין זאַנגען — צעריבן איז דער קאָרן,
די ערשטע געשטאַלט האָט ער לאַנג שוין פֿאַרלאָרן! —
אונטער דער ראָד ר׳איז צעריבן געוואָרן,
ער איז שוין גאָר ווײַס און הייסט — מעל!

לאָזט ווידער אָפּ דאָס ראָד, גייט־צו צו דער אַהאַנסטצענע

— 2 —

כל זמן דער מענטש איז מאָגער,
לעבט סאָליד, איז ניט קיין יאָגער,
כל זמן דער מענטש איז מאָגער,
לעבט ער זיך סײַ ווי.
די נויט קען אים גאָר ניט לייגן,
ווײַל ר׳איז ווייך און לאָזט זיך
בייגן,

די נויט קען אים גאָר ניט
לייגן —
לאָזט זי אים גאָר צו רו!
קוים ווערט ער איבערגליקלעך...
טוט אים דאָס ראָד אַ קער,
עס צעברעכט אים גאָר אויף
שטיקלעך —
מ׳דערקענט אים שוין ניט מער!...

לויפֿט ווידער צו דער זשאָרנע און מאָלט

שלאָף, ניט, דו, אַרבעטער... (אאַז״וו).

לאָזט ווידער אָפּ דאָס ראָד

— 3 —

כל זמן דער ייִד האָט ניט
געפֿלאַקערט,
שאַף געפּאַשעט, ערד געאַקערט,

כל זמן דער ייִד האָט ניט
געפֿלאַקערט,
האָט מען אים געלאָזט צו רו;

[2] העגטל



שטיל געלעבט, ניט הויך
געפֿלויגן,
ניט אויפֿגעריסן יענעם די אויגן...
שטיל געלעבט, ניט הויך
געפֿלויגן —

האָט מען ניט געזאָגט דערצו...
אַז ר׳איז געוואָרן איבערגליקלעך,
האָט זיך דאָס ראָד געטאָן אַ קער,
צעריבן איז ער אויף שטיקלעך —
מ׳דערקענט אים שוין ניט מער.

שלאָף ניט, דו, אַרבעטער... (אאַז״וו).

בשעת זי זינגט הערט זי אויף צו דרייען, רוט זיך אָפּ אייניקע סעקונדעס. אַ טיפֿער זיפֿץ רייסט זיך אַרויס פֿון איר ברוסט. ענדלעך זאָגט זי שוואַך:

מיט שווערער אַרבעט מיינען זיי מיך צו פֿאַרמוטשען,
מען רייצט־אָן אַלע באַדינטע, מען זאָל מיר דערקוטשען,
גיב מיר, גאָט, כּוח דאָס אַלצדינג קענען אַריבערטראָגן!
איך נעם צו אַלצדינג: מאַרטערן, קוועלן, שלאָגן —
שלאָג מיך פֿאַר מײַן פֿאָלק, נאָר א י ם לאָז צו רו!...
דײַן שווערע האַנט, דײַן שטראָף נעם שוין פֿון אים צו!
לאָז בר־כּוכבֿאן גליקן, ווי עס גליקט אים ביז איצט,
לאָז ער זיגן, זיגן דעם שונא ביז צו לעצט!
מיך אַרט בלויז נאָר איינס — פֿון מײַן אַלטן טאַטן...
איך האָב מורא, מײַן לאַגע זאָל אים ניט שאַדטן — —
ווער ווייסט, וואָס ער טוט דאָרט אין דער מינוט,
ווען ער זעט זײַן איינציקע טאָכטער ניט. וויינט.

## 2טע סצענע

עס עפֿנט זיך אויף אַ טיר און עס לויפֿן־אַריין וועשינס־מיידלעך מיט האַנטעכער אין די הענט און ווי זיי דערזעען, אַז זי אַרבעט ניט, לויפֿן זיי צו צו איר מיט כּעס. דינה כאַפּט זיך אויף מיט שרעק און לויפֿט־אָפּ פֿון זיי.

**מיידלעך** — זינגען. זעט די פֿויליאַקע,
וויל רוען נאָר טאַקע.

אַבי ניט צו אַרבעטן, וואָס מ'האָט באַפֿוילן;
זי האָט פֿאַרגעסן,
זי מיינט, ז'איז פּרינצעסין —
מיר וועלן איר ווײַזן, וואָס הייסט זיך פֿוילן!
קומט אַלע שוועסטערלעך, גיך כאַפּט זי, יאָגט זי!
דערטאַפּט זי, שלאָגט זי! לויפֿן איר נאָך.
נאָ, נאָ, נאָ! שלאָגן זי.

**דינה** — מיט ווײמוט. אוי, שלאָגט מיך ניט, ווײ! פּלאָגט מיך ניט!
אַרבעט איך ניט פֿלײַסיק פֿון נאַכט ביז פֿרי?
נייט מיך ניט, טײט מיך ניט!
אוי, אַרבעטן וועל איך, נאָר לאָזט מיך צו רו!

**מיידלעך** — זעט די פֿויליאַקע — — — (או״ז״ו).

**דינה** — אוי, שלאָגט מיך ניט, ווײ! פּלאָגט מיך ניט!
האָט איר אויך דען ניט אין זיך אַ מענטשלעך האַרץ?
צאַפּט מיר ניט אָפּ מײַן בלוט.
אוי, אַ מער דערהרגעט מיך נאָר גיך און קורץ!...

**מיידלעך** — זעט די פֿויליאַקע — — — (או״ז״ו).

**דינה** — נייַן, קינדער, טוט עס ניט, איר זײַט אויך נאָר געבוירענע ווײַבער!
איר קענט ניט האָבן דאָס האַרץ פֿון מערדערס און רויבערס...
איך ווייס גוט, אַז איר טוט עס ניט מיט אײַער אייגענעם ווילן,
איר מוזט נאָר דעם קאַפּריז פֿון אײַער בייזער ווירטין דערפֿילן...
איז זי דען צו אײַך בעסער ווי צו מיר?
איך ווייס, איר האָט אַ בעסער האַרץ פֿון איר.
איך ווייס, אַז אַ טייל פֿון אײַך פֿילן מײַנע שמאַרצן.
איך ווייס, אַז אַ טייל פֿון אײַך ליבן מיך אין האַרצן —
מיר זײַנען פֿון פֿאַרשיידענע אמונות, אָבער פֿון א יי ן טאַטן,



דאָס קען אײַך צו אײַער מענטשלעכקייט גאָר ניט שאַדטן!...

א כ ט ו נ ג  געבן אויף מיר — דערויף האָט מען אײַך באַדונגען —
דאַרפֿט איר הערן מײַן וויינען? הערט בעסער מײַן זינגען!
עס וועט אײַך פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿן און מיר קיין ליידן.
די זעלביקע צײַט קענען מיר ליבער פֿאַרברענגען אין פֿריידן.

**אַ מיידל** — מוזסט אונדז מוחל זײַן, דו, קלוגע טאָכטער פֿון ייִדן!
עס איז וואָר, מיר זײַנען אַליין פֿון אונדזער שליחות ניט צופֿרידן.
מיר וועלן דיך צו רו לאָזן, דיך מער ניט צווינגען.
האַלט אונדז אונטער, דו, ליב קינד, מיט דײַן ייִדיש זינגען!

**דינה** — איר וועט מיר געוויס באַגלייטן צו מײַן טאָן,
אַ פּאַבל וועגן ייִדישן פֿאָלק זינגען כ'הייב־אָן:

זי נעמט אַ האַרפֿע, שפּילט זיך צו און וויינט

— 1 —

אַ פֿאַסטעכל איז געווען אַמאָל
אין דעם לאַנד כּנען,
מיט שאָף און רינדער גאָר אַ צאָל
פֿלעגט זײַן האַנדל זײַן.
און אַז ער איז רײַך געוואָרן,
האָט ער געהאַנדלט קאָרן,

און האָט זײַן געלט פֿאַרלאָרן,
ס'איז אים געגאַנגען שלעכט;
אַבי ניט ברויט צו בעטן,
פֿלעגט ער ציגל קנעטן,
געמויערט הײַזער און קליײטן,
געאַרבעט פֿאַר אַ קנעכט!

**מיידלעך** — יאָ, אוי, ס'איז שיין,
יאָ, מלא חן,
דערצייל און הער ניט אויף!
אוי, ס'איז זיס,
יאָ, גאָר ניט מיאוס,
דערצייל אונדז ביזן סוף!

— 2 —

**דינה** — ר' משה גייט־דורך
אומגעריכט
און האָט אים באַלד דערקענט.
„יענקעלע, דאָס ביסטו? אַ
קנעכט?“,
ברעכט ער מיט די הענט.
האָבן אַזאַ טאַטן,

דעם רײַכסטן פֿון מאַגנאַטן,
און זײַן אַזוי פֿון ווײַטן,
זאָלסט גאָר קענען ליים?
דײַן טאַטנס לענדער פֿליסן,
פֿון מילך — האָניק זיסן,
און דו זאָלסט ניט געניסן?
אַ, קום צו אים אַהיים!

**מיידלעך** — יאָ, אוי, ס'איז שיין — — — (אַאַז״וו).






— 3 —

**דינה** — אַ סימן, מעגסט
גלייבן מיר:
די צען ווערטער לייען,
וואָס דײַן טאַטע שרײַבט צו דיר
מיט זײַן האַנט אַליין!...
די ווערטער זאָלסטו גלייבן,
אין האַרצן זיי פֿאַרקלײַבן,

כדי זאָלסט קענען לעבן,
אין דער גרויסער וועלט!
און מיט אַ פֿײַערדיקן וואָגן,
איבער וויסטע ימים געיאָגן,
האָט ער אים געבראַכט צו טראָגן
אין זײַן טאַטנס געצעלט.

**מיידלעך** — יאָ, אוי, ס'איז שיין — — — (אַאַז״וו).

— 4 —

**דינה** — אַז אַ פֿאַסטעכל, אַ
יאַלד,
הייבט־אָן צו גיין ניט שלעכט,
האָט ער זיך פֿאַרגעסן באַלד,
אַז ער איז געווען אַ קנעכט;
כהנים קוילען לעמער,
ווײַן גיסט מען מיט עמער,

און לוויים מיט כלי־זמר,
**טאַנצן אַרום אים.**
רײַך איז מען — אַ מלך,
לעבן לעבט מען — פֿריילעך,
האָט ער פֿאַרגעסן פֿאַמעלעך,
זײַן טאַטן אלהים...

**מיידלעך** — יאָ, אוי, ס'איז שיין — — — (אַאַז״וו).

— 5 —

**דינה** — האָט זיך זײַן טאַטע
שטאַרק צעהיצט,
פֿון כּעס צעהאַקט די ווענט,
אים פֿון זײַן שטאָט
אַרויסגעשמיצט
און זײַן הויז פֿאַרברענט!
אַ י ם אַרויסגעטריבן,

פֿרעמדע זײַנען פֿאַרבליבן,
און האָט זיי פֿאַרגעשריבן,
אים פֿאַרפֿאָלגן גאָר אָן צאָל.
דערפֿאַר זעט מען אים הײַנט יאָגן,
צו זײַן טאַטן וויינען און קלאָגן,
ער זאָל אים שוין מער ניט שלאָגן,
אים שענקען נאָך הײַנטיק מאָל!

**מיידלעך** — יאָ, אוי, ס'איז שיין — — — (אַאַז״וו).

**אַ מיידל** — מיר דאַנקען דיר, דו, ליב קינד, מיר וועלן דיך
מער ניט באַמיִען.
ביסט נעבעך זייער מיד, מעגסט זיך לייגן דאָ רוען.

גייען אַלע אַוועק רעכטס, דינה קוקט זיי נאָך ביז זיי גייען־אַפּ

**דינה** — מיד בין איך ווירקלעך, מיד און פאַרשמאַכט,
איך רו שוין ניט אַזוי די דריטע נאַכט —
ווער וועט זאָגן די בשורה, ווען וועט קומען די ישועה?
פּויזע. אוי, פון מײַן פאָטער האָב איך גאָר קיין ידיעה.
גאָט, וואָס האָסטו אים, נעבעך, צו שטראָפן? פּויזע.
צו דענקען בין איך מיד. מיך דולט דאָס שלאָפן...
דער שלאָף וועט מיך אַ ביסל קרעפטיקן — באַלעבן,
צום דענקען בעסער מיר פרישע כּוחות געבן.

זעצט זיך אויפן בעטל, זינגט טרויעריק




דו, זיסער מלאך פונעם שלאָף,
וויג מיך מיט דײַן לידעלע אײַן,



פאַרגעסן זאָל איך אין דער שטראָף,
פאַרגעסן אין מײַן נויט און פּײַן!
מיט דײַנע פליגעלעך טרײַב־אַוועק
מײַנע צרות און שרעק —
אַדוני לי,
מיט מיר ביסטו,
שענק מיר דײַן רו!
מײַן נשמה נעם־צו,
ביז אין דער פרי!
נאָר דיר טרוי איך זי.
דו, גרויסער וועכטער, דאָרט אין הימל!
דײַן טרײַ אויג איז דאָך שטענדיק וואַך,
ווען איך שלאָף, און ווען איך דרימל —
היט מיך מיט דײַנע קינדער גלײַך!
מײַן נשמה איז דאָך פון דיר —
איבער נאַכט נעם זי בײַ מיר!...
אַדוני לי!
מיט מיר ביסטו;
שענק מיר דײַן רו!
מײַן נשמה נעם־צו,
ביז אין דער פרי!
נאָר דיר טרוי איך זי.

זי לייגט זיך אויפן בעטל און זינגט אַלע מאָל שטילער ביז זי ענדיקט דאָס געזאַנג. זי ווערט אַנטשלאָפן. די מוזיק שפּילט שטיל.

## 3טע סצענע

פון הינטער די קוליסן הערט זיך פּאַפּוסעס קול, ווי ער זינגט.

**פּאַפּוס** — וואָס ווינטשסטו, מײַן האַרץ, נאָך מער?
וואָס ביסטו אַזוי באַטריבט?

ליבן, ליבסטו דאָך זייער,
נאַר — דו ווערסט ניט געליבט!
מײַן ווייטיק קען נאַר ד ע ר פֿאַרשטיין,
וואָס אים איז אויך אַזוינס געשען,
וואָס איז אויך אַזוי באַטריבט
און ווערט אויך ניט געליבט.

קומט־אַריין פֿון דעם טירל רעכטס. קוקט זיך אַרום. אַז ער זעט, עס איז קיינער ניטאָ, רעדט ער צו זיך אַליין:

איך האָב איבערגעקויפֿט די וואַך דאָ.
אַצינד, דאַכט מיר, וועט שוין זײַן אין אַ גוטער שעה!
רופֿוס מיט די העלדן טרינקען ווי די רוחות
און מ י ך האָט ער געשיקט אין דער טײַערער שליחות:
איך זאָל גיין פֿון זײַנעטוועגן איבעררײדן מיט איר...
אַ מכּה, רויטער שיכור, איך בין בילכער פֿון דיר!

ער גייט־צו צום בעטל און דערזעט זי שלאָפֿנדיק

זי שלאָפֿט? גוט. ווען נאָך קען איך באַניצן אַזאַ צײַט,
איך זאָל מיך אָנקוקן, אָנקוקן אין איר אַזוי זאַט?
ווי די דריבנע כוואַליעס פֿאַר טאָג אויף דעם רויִקן ים,
בײַ אַ שטילן ווינטעלע הוידען זיי זיך קוים, קוים,
קעגן דעם רויטלעכן הימל, איידער די זון גייט־אויף...
אַזוי באַוועגט זיך איר ברוסט אַראָפּ און אַרויף.
קעגן אירע רויטע בעקעלעך — און גיי האַלט עס אויס! —
אין שלאָף זעט זיך איר־שיינקייט נאָך צען מאָל מער אַרויס...
קום אַהער, פֿרילינג! מיט דײַנע רויזן, די ריינע,
טונק זיי אײַן אין דער פֿאַרב פֿון איר מײַלעכל, דאָס שיינע,
וועלן דײַנע בלומען נאָך פֿיל מער שמעקן און בליִען!...
יאָ, און דו פּאַפּוס, האָסט אויך איצט צײַט דאָס אייגענע צו טאָן...



כאָטש איין מאָל אײַנאָטעמען אין זיך איר זיסן הויך...
ניין, אויסהאַלטן איז ניט פֿאַר מײַן כּוח!

ער בייגט זיך איין און וויל איר אַ קוש טאָן. זי פֿאַנגט־אָן צו טרוימען און זינגט פֿונעם שלאָף: „אדוני לי...“

האַ, זי זינגט? פֿונעם שלאָף... אוי, זיס! גוט... ווער חלומט זיך איר?
פֿון וועמען רעדט זי? מן הסתּם פֿון בר־כּוכבאַן, אַוודאי ניט פֿון מיר...
נו? און אַז ניט פֿון מיר? אָבער איך... אַ, דער מאָמענט!
אַ, דער הייסער פֿלאַם פֿון דער ליבע — ער פֿלאַקערט, ער ברענט!...
וואָס זשע בין איך שולדיק, אַז איך קען אַזוי שטאַרק ליבן און פֿילן?
אַנטשלאָפֿן. וואָס ס'וועט זײַן — וועט זײַן! איך מוז מיך איצט קילן...

ער גייט־צו און וויל איר געבן אַ קוש. זי כאַפּט זיך אויף און קוקט זיך אום פֿאַרשלאָפֿן, און ווי זי דערזעט אים, בלײַבט זי עפּעס ווי דערשראָקן. פּאַפּוס מאַכט זיך ווי ניט וויסנדיק און זאָגט:

אַ גוטן אָוונט דיר, דינה. האָסט דיך ניט צו שרעקן!
זײַ מיר מוחל, וואָס איך בין געקומען איצט דיך וועקן.
דײַן אַלטער טאַטע האָט מיך געשיקט צו דיר אַצינד,
צו פֿרעגן, וואָס טוסטו... וואָס מאַכט דײַן געזונט?
**דינה** — איך דאַנק דיר, פּאַפּוס, האָסט מיך מחיה געווען.
וואָס מאַכט דער פֿאָטער? ווען האָסטו אים געזען?
**פּאַפּוס** — אַ, יאָ, פּאַפּוס, קען אַ מאָל אויך זײַן מחיה...
און דווקא די נמאסע, מבֿוזה ווילדע חיה...
שטראָפֿנדיק. אַ, דינה! ליגט עס ניט אויף דײַן געוויסן?
פֿלעגסטו כאָטש פֿילן? פֿלעגסטו כאָטש וויסן,
וויפֿל דו האָסט מיר פֿאַרזאָפּט בלוט מיט דײַן זידלערײַ?

וואָלסט באַדאַרפֿט צאָלן שטראָף... נאָר איך לאָז פֿאַרבײַ...
איצט זע מײַן געטרײַשאַפֿט און זידל מיך דערפֿאַר!
זאָלסט וויסן, אַז דו ביסט איצט אין אַ געפֿאַר...
מען וויל דיך אומברענגען, האָב איך געהאַט אַ ידיעה,
ראַטעווען קען א י ך דיך, א י ך בין דײַן מלאך
מושיע!

**דינה** — מיט פֿאַראַכטונג. אַ מלאך מושיע? אַ ליגן זאָגן, האָסטו
איצט געוואָלט.
גאָט שיקט ניט זײַן גוטן מלאך אין א ז א געשטאַלט...
איך וויס, אויב איך האָב ניט קיין טעות,
ביסטו גיכער ענלעך אויף דעם מלאך־המוות!!...

**פּאַפּוס** — מיט הכנעה. איך בין דיר מוחל, ווײַל דו רעדסט ווי
אַ קינד,
און פֿאַרשטייסט ניט דײַן געפֿערלעכע לאַגע אַצינד.
אמת, דײַן חתן האָט פֿיל פֿעסטונגען אײַנגענומען,
נאָר ד י ר וועט דערפֿון ווייניק אַרויסקומען.
ווײַל דײַן לעבן, זאָג איך, הענגט איצט אויף אַ האָר...
פֿון דאַנען מער קומסטו שוין ניט אַרויס, ביסט אין געפֿאַר!
נאָר איך האָב מיך באַשלאָסן צו אָפּפֿערן פֿאַר דיר.
איך וועל דיך באַפֿרײַען. קום, אַנטלויף איצט מיט מיר!
איך האָב אַלע וועכטערס שוין לאַנג איבערגעקויפֿט.
זיי זאָלן שווײַגן, אַז זיי וועלן זען, אַז מען אַנטלויפֿט...
קום, דינה טײַערע! דאַרף איך דיך נאָך בעטן?
דײַן אייגן לעבן צו ראַטעווען דאַרף מען דיך נאָך נייטן?

**דינה** — מיט אַ בייזן שמייכל. ווי איך הער, הייסט עס בײַ דיר,
אַז איך וועל לעבן,
אויב איך וועל דיר איצט דײַן ווילן נאָכגעבן.
אויב, ווי דו זאָגסט, אַז איך בין דאָ יאָ אין אַזאַ נויט?
בין איך צופֿרידענער צו שטאַרבן ד אָ מיט ד ע ם טויט,



ווײַל י ע נ ע ר טויט, צו לויפֿן מיט דיר אַהיים,
אָ, איז מיר נאָך פֿיל שרעקלעכער פֿון דעם!
אין ד ע ם וועל איך וויסן, אַז דו האָסט מיך גערן:
אַז דו וועסט מיך לאָזן ד אָ בעסער דערהרגעט ווערן!...

**פּאַפּוס** — מיט ווייטוק. דינה!

**דינה** — שטאָלץ. גיי!...

**פּאַפּוס** — האָב רחמנות אויף דיר!

**דינה** — וואָס פֿאַר אַ רעכט האָסטו זיך צו דערבאַרעמען איבער
מיר?
אויב דו ווילסט מיך באַפֿרײַען פֿונעם מלאך־המוות געשווינד,
גיי ד ו דיר נאָר אַוועק, בין איך שוין באַפֿרײַט אַצינד!

קערט־אָפּ דאָס געזיכט פֿון אים, גלייך ווי זי וויל זײַן פּנים ניט זען. פּאַפּוס שטייט אייניקע סעקונדעס און באַטראַכט זי. אויף זײַן פּנים באַווײַזט זיך אַלע מאָל מער האַס. ענדלעך זאָגט ער צו איר מיט ערגער־ניש און כּעס:

**פּאַפּוס** — אָ, דינה! אָ, דו מערדערין אויף זיך אַליין!
יאָ, ביסט גערעכט. מ י ך וועסטו שוין מער ניט זען!
אָבער ניט מיך און ניט דײַן חתן, ניט דײַן טאַטן, ניט די וועלט!
אָ, דינה, גענוג מכּות אַכזריות האָב איך פֿאַר דיר באַשטעלט!
אָפּגייענדיק. אוי, די נקמה איז מײַן נשמה, מײַן לעבן,
מײַן נחמה!

לויפֿט־אַרויס בייז רעכטס

**דינה** — אַזוי טוט גאָט, אַז ער וויל אַ מענטשן שטראָפֿן:
גאָר אַנשיקן אַזאַ מלאך, ווען מען וויל שלאָפֿן —

זעצט זיך אויפֿן בעטל נאָכדענקענדיק

איך וועל שוין ניט זען קיינעם? איך וועל ניט לעבן?...
נו? אַז ער זאָגט, זײַנע רייד מעג מען גלייבן. פּויזע.
מײַן בר־כּוכבֿא זיגט? דאָס איז אַ דבֿר ידוע!

נו, וואָס דאַרף איך דען פֿאַר מיר נאָך אַ בעסערע ישועה?
מײַן קאָפּ ווילן זיי נעמען? — ס'איז ווערט דער שׂכר!
מײַן שמעון וועט בײַם שונא נעמען צען טויזנט דערפֿאַר.

הייבט זיך אויף פֿון דעם בעטל און זינגט:

— 1 —

פֿון דער תּפֿיסה דאָ, פֿון די פֿינצטערע ווענט,
שיק איך, בר־כּוכבֿא, מײַן ברכה דיר צו!
מיד זאָלן ניט זײַן דײַנע מוטיקע הענט,
ביז דו וועסט ניט זיגן גיב דיר קיין רו!
איך הער שוין ווי... יאָ, ווי דײַן חייל זיגט!
און זע שוין ווי... יאָ, ווי דער שונא ליגט!
ווער איז ער, ווער? יאָ, די רוימערס!
שטילער, שטילער... זי קוקט זיך אַרום.
גאַטעניו, גאַטעניו, באַווײַז דײַן נס! (2 מאָל)

— 2 —

עס קען מעגלעך זײַן, אַז ס'וועט דאָ זײַן מײַן סוף.
אַט דאָס צימער דאָ וועט מײַן קבֿר אויך זײַן...
דאָך מײַן זעל וועט פֿליִען אַרויף,
העט, העט, הויך, גלײַך אין הימל אַרײַן!...
און הערן פֿון דאָרט, יאָ, ווי דײַן חייל זיגט!
און זען פֿון דאָרט, יאָ, ווי דער שונא ליגט!
ווער איז ער, ווער? — יאָ, די רוימערס.
שטילער, שטילער... זי קוקט זיך אַרום.
גאַטעניו, גאַטעניו, באַווײַז דײַן נס! (2 מאָל)

לייגט זיך אויפֿן בעטל

אַ, איך בין שרעקלעך מיד, אַ, כאַטש איין דרימל,
היט־אָפּ מײַן נשמה, גרויסער גאָט אין הימל!

חיל אַנטשלאָפֿן ווערן



## 4טע סצענע

רופֿוס קומט־אַרײַן דורך דעם טירל רעכטס, שיכורלעך. ער בלײַבט שטיין בײַ דער טיר און רעדט צו זיך.

**רופֿוס** — פֿאַרשיכורט. איך ווייס, צי האָט ער איר געזאָגט אַצינד?

ער גייט־צו צום בעטל. דינה כאַפּט זיך אויף מיט שרעק.

האַ, וואָס מאַכסטו, מײַן יידישקע? איך ליב אַ יידיש קינד.
הײַנט ליב איך נאָר יידיש: יידיש געלט, יידיש לאַנד,
יידיש בלוט!

ווער שמועסט אַ יידישע טאָכטער?

ער וויל זי אַנגעמען, אָבער זי גיט אים אַ וואָרף פֿון זיך.

נו, נו, וואַרף דיך ניט!
אַ, מײַן זיסער אַמאָר! דײַן וואָרט גיב מיר נאָר — גיב!
איך האָב דיך ליב... זאָג, האָסטו מיך אויך ליב?

**דינה** — פֿאָדער ליבע פֿון דײַן פֿרוי — דאָס האָט אַ זין,
אָבער וואָס ווילסטו פֿון אַזאַ אָרעמען מיידל ווי איך בין?

**רופֿוס** — אָרעם ביסטו? ביסט רײַך, מײַן קלוגע יונה,
וואָס דו ווילסט, זאָג־אַרויס, האָסטו בײַ מיר אַ מתּנה.
מײַן שיינע ווענוס, איך שענק דיר מײַנע גיטער,
גליקלעך מאַך איך דיך, איך שווער דיר בײַם יופּיטער!

**דינה** — גיי מיט דײַנע געצן, וואָס זײַנען פֿון האָלץ —
א ײ ן גאָט האָב איך, אויף א י ם בין איך שטאָלץ.
איך שפּײַ אויף דײַן ליבע, אויף דײַן רײַכקייט אָן צאָל,
איך האָב ליב מײַן גאָט, מײַן פֿאָלק ישׂראל.

**רופֿוס** — אַזוי? האָסטו, הייסט עס, ליב דײַן גאָט און דײַן פֿאָלק
בעסער פֿון מיר?
דו עזותניצע, דו ווייסט ווער עס רעדט מיט דיר?

**דינה** — אַ מענטש רעדט מיט מיר, ניט מײַן שעפֿער, מײַן בורא!...
גאָט איז מיט מיר! — פֿאַר וועמען האָב איך מורא?

**רופֿוס** — האָסט ניט מורא? ווייסט אַז דו ביסט בײַ מיר אין די הענט?

איך קען דיך טייטן אין דעם מאָמענט!

**דינה** — מײַן פֿ ל יי ש שנײַדן קענסטו, אָבער ניט מײַן נשמה!...

איר קענסטו גאָר ניט טאָן, בײַ ג אָ ט איז איר נחמה:

**רופֿוס** — הערסטו אַזאַ כלבטע? סאָלדאַטן! נעמט זי, צעהאַקט זי אויף שטיקער!

**דינה** — נאָכקלערנדיק פֿאַר זיך. מען מוז אַנדערש שפּילן די ראָלע מיט אַזאַ שיכור!

*צו רופֿוסן מיט אַ פֿאַלשן שמייכל*

הע, אַזוי ליב האָט איר מיך, אַז איר הייסט מיך גאָר צעשנײַדן?

נו, און איר אַליין... כ'בין דאָך אײַער געטין... וועט איר דאָס קענען פֿאַרלײַדן?

אײַער שיינער יידישקע זאָלט איר ד אָ ס טאָן?

*נעמט־אַראָפּ פֿון אים דעם העלעם און טוט זיך אָן*

אַ נו, קוקט איצט אָן אַ פּנים! האַ, פּאַסט עס? שטייט עס מיר אָן?

*רופֿוס קוקט זי ליבלעך אָן און שמייכלט*

איצט טוט מיר אַליין אָן אײַער פּאַנצער!

*ער טוט עס*

איצט בין איך שוין גאָר אַ העלד אַ גאַנצער.

נו, און דער גאַרטל מיט דער שווערד איז ניט געמאָסטן אויף מיר?

*נעמט־אַראָפּ פֿון אים דעם גאַרטל מיט דער שווערד און טוט זיך עס אָן*

איצט מעגט איר מיך מאַכן פֿאַר אײַער קאָמאַנדיר!

**רופֿוס** — מיט אַ פֿאַרשיכורטן שמייכל. וואָס, קאָמאַנדיר? ביסט איצט מײַן מאַרס, מײַן צעזאַר!

באַפֿעל איבער מיר, געטין! טו זיך אַפֿילו אַ בייזער!



*ער פֿאַלט פֿאַר איר אויף די קני און וויל זי אַרומנעמען. זי כאַפּט־אַרויס די שווערד, הייבט זי אויף איבער זײַן קאָפּ.*

**דינה** — מיט אַ געשריי. שטיי! איצט דײַן קאָפּ! ס'איז ניט קיין געלעכטער!

דו האָסט פֿאַרגעסן דעם מוט פֿון די יידישע טעכטער?

ו ע ר האָט אין סיסראָס שייטל אַרײַנגעשלאָגן אַן אַל,

אויב ניט אַ יידישע טאָכטער, די שוואַכע יועל?...

און האָלאָפֿערנוסעס קאָפּ, אָט דעם גרויסן ריז,

האָט י ה ו ד י ת דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, געשטעקט אויף אַ שפּיז!

*רופֿוס כאַפּט זי בײַ דער האַנט, וועלכע האַלט די שווערד*

**רופֿוס** — ווי עטוואָס אויסגעניכטערט. שטיי, דינה! דו וואַגסט אַצינד צו פֿיל:

פֿאַרשטייסטו דען ניט אַ שפּאַס אָדער אַ שפּיל?

מיר האָט מען נביאות געזאָגט און איך מעג עס גלייבן

אַז אַ פֿרוי וועט מיר אַ מאָל צונעמען דאָס לעבן —

דערפֿאַר האָט זיך דערשראָקן אַזאַ העלד ווי איך.

נאָר ניט אויף ד י ר גלייב איך, דו זאָלסט זײַן דער שליח,

לאָמיר זיך ביידע מוחל זײַן! מיט דעם שריט צו לעצט,

ביסטו בײַ מיר נאָך מ ע ר געאַכט און געשעצט.

## 5טע סצענע

*דאָס טירל עפֿנט זיך אויף. מען זעט שטיין פּאַפּוסן מיט סעראַפּינאַן. פּאַפּוס ווייזט איר אָן אויף דער סצענע, ווי רופֿוס שטייט פֿאַר דינהן אויף די קני; אַליין ווערט ער באַלד פֿאַרשוואונדן. סעראַפּינאַ גייט שטיל אַרײַן, אַזוי אַז רופֿוס באַמערקט זי ניט. זי גייט־צו צו אים און לייגט אים אַרויף די האַנט אויף דער פּלייצע. רופֿוס קוקט זיך אום און הייבט זיך געשווינד אויף, און בלייבט שטיין, גלייך ווי ער זוכט עפּעס. סעראַפּינאַ קוקט אויף אים בייז.*

**סעראַפּינאַ** — צו רופֿוסן. שיין, גרויסער רוימישער העלד,
שיין, שיין!
דעם לאָרבערקראַנץ באַקומסטו איצט פֿון מיר אַליין!
פֿאַר אַ פּראָסט יידיש מיידל קניען? אַ, דאָס מאַכט דיר ערע!
אויף אַ ז ו י נ ע ם געטרויעט מען אַ לאַנד? כ'לעבן,
צו עבֿירה!
איראָניש. דער צעזאַר וואָלט דיך נאָך געמעגט מאַכן פֿאַר
זיין פֿאַרטרעטער...
בייז. אַהיים גיך! מיט דיר וועל איך מיך שוין אָפּרעכענען
שפּעטער!
ער קוקט מיט קוריאָזע בליקן אויף איר און גייט־אַרויס
צו דינהן. נו? און דו? מיין יידיש, פֿרום, פֿיין, ערלעך קינד!
אַ, אַ העלד! דאָפּלט שיין ביסטו אַצינד.
אַ מאַן פֿון אַ פּרוי, ווי עס שיינט, געפֿעלט דיר שענער?
האָסט ו י י נ י ק, דו נידעריקע, דיינע יידישע מענער?
**דינה** — שטאָלץ. נאָר ניט באַליידיקן, דאָס דערלויב איך נישט
דיר!
מער פֿון מיין לעבן איז מיין ע ר ע טייער ביי מיר.
איך בין א ו י ך אַ צעזאַרין ביי מיר, ווייסטו שוין?
אָ ר נ ט ל ע כ ק י י ט און א ו מ ש ו ל ד — דאָס איז
מיין קרוין!
דו ווייסט, אַז ניט מיט מ י י ן ו ו י ל ן בין איך אַהער
געגאַנגען.
מיט אומרעכט האָט מיך דיין מאַן גענומען געפֿאַנגען.
ניט מיט אַ קריגערישן צוועק, ליידער, ווי אַ הערשער
דאַרף זיין.
ווי איך זע, האָט ער געהאַט מיט מיר אַן אוממענטשלעכן
פּלאַן...
שוין דריי טעג, ווי מיט זיין דערקוטשען גיט ער מיר נישט
קיין רו —



דאָ שרייט ער אויף מיר און שרעקט מיך, דאָ זאָגט ער
מיר דאָס בעסטע צו...
נאָך איין מינוט, וואָלטן אַלע רוימישע מענער געהאַט אַ לערע,
ווי טייער ציונס טאָכטער קויפֿט־אויס איר ערע...
מיט זיין אייגענער שווערד, וואָס ער אַליין האָט זי מיר
געגעבן,
וואָלט ער געוועזן באַצאָלט מיט זיין לעבן.
**סעראַפּינאַ** — אַ, אַ, ווי וויל דו קענסט דיך נאָך אויסטענהן!
נאָר ניט פֿאַר מיר, עזותניצע, ווערסטו זיך אויספּיינען...
איך פֿאַרשטיי מיך גוט אויף גנבֿהשע תּירוצים אַזוינע,
ווו עס טויג — האָט מען ליב, און ווו עס טויג — איז
מען אַ שונא...
א י ך וועל דיר ווייזן, ווי ביי מיר אין שטוב
האָט מען זיך מיט פֿרעמדע מאַנען גאָר ליב!
**דינה** — טייט מיך בעסער, דו אומפֿאַרשעמטע, ס'איז מיר אַלץ איינס,
נאָר מער זאָל איך ניט הערן פֿון דיר קיין וואָרט קיין געמיינס!
**סעראַפּינאַ** — בייז. וואַרט, איך וועל דיר ווייזן, ווער איך בין
און ווער דו!

לויפֿט־אַרויס דורך דעם טירל רעכטס

## 6טע סצענע

רופֿוס קומט־אָן דורכן טירל לינקס

**רופֿוס** — ערנסט און בייז. בר־כוכבא האָט אַרומגערינגלט אונדזער
פֿעסטונג מיט אַ שרעקלעכער מאַכט
און מיר האָט מען נאָך ביז איצט קיין הילף־חיל נישט
געבראַכט.
דינה, אויב דו ווילסט ראַטעווען ד י י ן לעבן און אויך
פֿון די יידן,
זאָלסטו בעטן דיין חתן ער זאָל איצט שליסן פֿרידן,

און ווען ער וועט אָפּטרעטן פֿון דאַנען מיט גוטן ווילן,
וועל איך אַלע זײַנע פֿאָדערונגען, וואָס ער וועט שטעלן,
דערפֿילן.

דינה — ווייסטו דען ניט פֿון לאַנג, אַז מיר באַגערן
פֿון דעם רוימישן יאָך אויף אייביק פּטור ווערן?
קיין פֿוס פֿון קיין רוימער זאָל זיך אין אונדזער לאַנד ניט
געפֿינען,
מיר זאָלן קענען ווי שטענדיק אונדזער ליבן גאָט פֿרײַ דינען!

רופֿוס — ווידער ווילסטו דיר דאָס נאַרישקייט אײַנבילדן?
איך חזר־איבער: דו זאָלסט זען אײַננעמען דעם טיגער,
דעם ווילדן,
און קוים זע איך אים ניט פֿון דאַנען אַוועקגעצויגן,
ווערסטו צעשניטן אויף שטיקער פֿאַר אַלע אין די אויגן.

דינה — קאַלטבלוטיק. שיין! דערנאָך גייסטו אין דער ריי, דערנאָך
דײַן מיליטער...
אָ, עס איז ווערט דער קרבן, ניין, איך ווינטש זיך ניט מער.

רופֿוס — בייז. גיך הייס איך דיך נעמען, דו, יידיש פֿאַרשאָלטן
ווײַב,
דיך הייסן אַרויפֿשטעלן אויף דער מויער, דער דיקער —
ווערסטו אָפּבעטן און אײַננעמען דײַן טיגער, דעם בייזן.
ווען ניט, וועט מען דיך פֿאַר אַלע צעשניידן אויף שטיקער!

## 7טע סצענע

ער כאַפּט זיך אַרויס רעכטס. פֿון לינקס קומט־אָן סעראַפֿינאַ. זי
שטעלט זיך שטאָלץ קעגן דינהן. מאַכט צו איר מיט דער האַנט,
גלייך ווי זי סטראַשעט איר. זיי זינגען:

**סעראַפֿינאַ** — וואַרט, איך וועל דיר...
**דינה** — וואָס וועסטו מיר?



**סעראַפֿינאַ** — וואָס האָסטו געוואָלט, אומפֿאַרשעמטע, איצט
האָבן פֿון מײַן מאַן?
**דינה** — איך בעט דיך מיט גוטן, לאָז רויִק זײַן!
**סעראַפֿינאַ** — שווײַג די מינוט!
**דינה** — וואָס? טענהן אויך ניט?
**סעראַפֿינאַ** — האַלט כאַטש צו פֿאַר מיר דײַן פּיסק, דײַן מויל.
**דינה** — ניין, פֿאַרווערן קענסטו... ניט... ניין...
**סעראַפֿינאַ** — איך פֿרעג דיך נאָר, ווי קומט עס צו דיר?
אומשולדיקע, יאָ, זאָג פֿון וואַנען.
**דינה** — אוי, רעדסט פֿאַלש. דאָס קען גאָר ניט זײַן.
**סעראַפֿינאַ** — זאָלסט אַזוי, יידישקע, אײַנלאָקן, צו שמייכלען
נאָר פֿרעמדע מאַנען?
**דינה** — איך דאַרף ניט קיין מענער, בפֿרט דײַן מאַן.
**סעראַפֿינאַ** — שווײַג, זאָג איך דיר!
**דינה** — וואָס האָסטו צו מיר?
**סעראַפֿינאַ** — פֿאָלגסט מיר ניט, וועסטו האָבן! וואַרט, וועסט
זען...

**דינה** — איך הער דיך ניט, הער דיך ניט... ניין!
**סעראַפֿינאַ** — איך זאָג דיר שווײַג. } (2 מאָל)
**דינה** — שווײַג דו אַליין, שווײַג!
**סעראַפֿינאַ** — אוי, אוי, אוי, אוי, ס'וועט זײַן מיאוס. } (2 מאָל)
**דינה** — אוי, טרעט מיך ניט מיט די פֿיס.
**סעראַפֿינאַ** — — — — — — — — — — שווײַג!
**דינה** — — — — — — — — — — — ניין!
ליבע פֿרוי, איך בעט דיך מיט גוטן:
אויב דײַן ערע איז טײַער בײַ דיר,
זאָלסטו זען איצט דײַן כּבֿוד אָפּהיטן,
און לאָז דיך אָפּ פֿון מיר!
יאָ...
**סעראַפֿינאַ** — איך זאָג דיר: שווײַג!

דינה — שווײַג דו אַליין!

סעראַפֿינאַ — אוי, אוי, אוי, אוי, ס׳וועט זײַן מיאוס!

דינה — אוי, טרעט מיך ניט מיט די פֿיס!

סעראַפֿינאַ — — — — — — — שווײַג!

דינה — — — — — — — — — — ניין!

סעראפינא גייט־צו צו דער טיר לינקס און עפנט זי אויף

סעראַפֿינאַ — היי, איר, סאָלדאַטן, קומט שנעלער אַהער אַרײַן!

סאָלדאַטן קומען־אַריין. שטעלן זיך ביי דער טיר. סעראַפינאַ שטעלט זיך ווידער שטאָלץ קעגן דינהן.

סעראַפֿינאַ — נו, וועסטו נאָך שטאָלצירן?
נו, באַווײַז איצט פֿאַר מיר דײַן מוט אַצינד!
איך לאָז דיך אַרעסטירן!
טאַקע באַלד, טאַקע באַלד, גיך און געשווינד!

דינה — צוזאַמען מיט סעראַפֿינאַן. יאָ, איך וועל שטאָלצירן,
דאָך האָב איך ניט פֿאַר דיר קיין מורא אַצינד!
מעגסט מיך דאָ אַרעסטירן,
טאַקע באַלד, טאַקע באַלד, גיך און געשווינד.

סעראַפֿינאַ — כאַ, כאַ, כאַ! אָ, ס׳איז שיין!

דינה — — — — — — — — אַ יאָ, ס׳איז שיין!

סעראַפֿינאַ — שווײַג כאַטש דו, נאַריש קינד. מיר ווײַזט עס פֿון דיר נאַריש אויס.

דינה — איך ווייס? דיר ווײַזט עס פֿון מיר נאַריש אויס!

סעראַפֿינאַ — וואָס דו מאַכסט דיך פֿאַר מיר אַצינד, אַזוי גרויס?

דינה — איך מאַך מיך פֿאַר דיר אַזוי... גרויס...

סעראַפֿינאַ — גרויס? מיר וועלן זען!

דינה — אָ, מיר וועלן זען!

סעראַפֿינאַ — דו וועסט נישט באַשטיין!

דינה — יאָ, יאָ, באַשטיין!



סעראַפֿינאַ — הע!

דינה — מעגסט דיר וואָס דו ווילסט נאָר מאַכן! (3 מאָל)

סעראַפֿינאַ — הע! גיך נעמט זי! } (2 מאָל)

דינה — מיט פֿאַרגעניגן!

סעראַפֿינאַ — גיי, צום לעצטן מאָל, מײַן ליבע, גיי!

דינה — איך גיי צום לעצטן מאָל, מײַן ליבע, איך גיי!

ביידע — אַדיע! —

סאָלדאַטן פירן אַוועק דינהן לינקס, סעראפינא באַגלייט איר, נאָכווייזנדיק מיט דער האַנט.

# פֿאַרוואַנדלונג

## בילד 9

### 1טע סצענע

שטעלט־פֿאַר די פעסטונג צעזאַרעאַ, באַלאַגערט פון בר־כוכבאס מיליטער, רינגלען־אַרום דאָס לאַגערפעלד. היטן. בר־כוכבא מיט עזריהן, זיין גענעראַל, שטייען, באַטראַכטן דעם לאַגער, ווו דאָס מיליטער דאַרף אָנקומען. מען הערט פויקן און טראָמפייטן־שאַלן. דאָס מיליטער מאַרשירט־אַריין אויף דער בינע.

מיליטער — זינגענדיק. אַזוי — אַזוי אין די הענט האַלט שפּיזן, שווערדן; אין דעם האַרצן האַלט גאָט!

בר־כוכבא — שיין!

מיליטער — האַ!

בר־כוכבא — פֿאַרהערט זיי מושטירן. מיר, העלדן, מיר זײַנען גאָר ניט מרה שחורהדיק,
צום קריג דער שופֿר נאָר רופֿט:
אָנגעשאַרפֿט זײַנען די שפּיזן גאָר מוראדיק,
געטונקט די פֿײַלן אין גיפֿט.

**כאָר** — חזרט־איבער דאָס זעלביקע.

**בר־כוכבא** — מיר שטעכן, מיר ברעכן, מיר שנײַדן, גאָר זיגעריש,
מיר רײַסן, מיר בײַסן, מיר ברומען גאָר טיגעריש,
מיר בייטן, מיר קנייטן, מיר טייטן גאָר קריגעריש,
די שונאים אַזוי —
זיי פֿאַלן ווי שטרוי...

(חזרט־איבער)

**בר־כוכבא** — פֿריילעך שפּאַנען דורך די טויערן
די העלדן פֿון דעם קריג
און דאָס פֿאָלק אויף די הויכע מויערן
באַזינגט שיין דעם קריג.

**כאָר** — דאָס זעלביקע.

**בר־כוכבא** — דער פֿײַנד איז געבויגן צו דער ערד,
אונדז האָט ניט געשאַדט,
ווײַל די א מ ו נ ה איז אונדזער שווערד,
אין אינדזער מאַכט איז ג א ט! —

**כאָר** — חזרט־איבער.

**בר־כוכבא** — שיין!

**כאָר** — אָ!

דאָס מיליטער לייגט זיך אַנידער אין לאַגער מיט די אויסגעשטרעקטע שפּיזן

**בר־כוכבא** — צו עזריהן. אָט אַזוי, אַזוי, זיי דאַרפֿן זײַן מתמידים,
פֿאַרגעסט ניט, אַז דאָס זײַנען ר׳ עקיבאס תלמידים,
געוווינט נאָר צו לערנען, צו שאַרפֿן דעם מוח,
און כאָטש זיי פֿעלט עס ניט אין גבֿורה און כּוח,
נאָר לערנען מוז מען זיי ווי אומצוגיין מיט כּלי נשק,
בעט איך דיך, עזריה, חזר־איבער עס מיט זיי מיט חשק!

**עזריה** — איך דאַנק דיר, משיח. דײַן רצון איז אַ געזעץ בײַ מיר.
באַפֿעל נאָר, וועסטו זען, ווי אַלץ וועט גיין גוט אָן אַ שיעור.



די פֿעסטונג צעזאָרעאַ פֿון נאָענט און פֿון ווײַטן,
האָבן מיר אַרומגערינגלט מיט פֿיל מיליטער פֿון אַלע זײַטן;
אַלע זײַנען גרייט, ווי איין מענטש, ווי איין זעל,
צו קעמפֿן מיט מוט, מען וואַרט נאָר אויף דײַן באַפֿעל!

**בר־כוכבא** — עס איז נאָך ניט צײַט מיט שטורעם אָנצופֿאַנגען,
ווײַל דינה איז נאָך דאָרט אין דעם מויער געפֿאַנגען.
איך וויל נאָך אָפּוואַרטן איין מאָמענט,
אפֿשר וועל איך זי נאָך קענען ראַטעווען פֿון זייערע הענט,
און ווען ער וועט זי ניט מיט גוטן אַרויסגעבן באַלד,
דאַן וועט מען מוזן צוטרעטן מיט געוואַלט.

## 2טע סצענע

אַ פֿעלדיעגער קומט־אָן לינקס. אין דער האַנט טראָגט ער אַ פֿייל, אַרום וועלכער עס איז אַנגעקלעפּט אַ שטיקל פּאַרמעט. גייט־צו צו בר־כוכבאן, פֿאַרנייגט זיך.

**פֿעלדיעגער** — פֿון דעם רוימישן לאַגער האָט געטראָפֿן אַ פֿײַל,
אָנפֿאַנגען אַ מלחמה איז דאָס אַ סיגנאַל.

בר־כוכבא נעמט בײַ אים די פֿייל און זאָגט פֿאַרוווּנדערט:

**בר־כוכבא** — גאָר מיט אַ קוויטל? אַרומגעקלעפּט? לייִדיק פֿון אַלע זײַטן?
צעוויקלט עס. „התבוננו“... נאָר א יי ן וואָרט? וואָס קען דאָס באַדײַטן?
קלערט עטוואָס. האַ, האַ, רעכט! צו עזריהן. גיי גיך און זוים ניט לאַנג!
באַפֿעסטיקן די עפֿענונג פֿונעם אונטערערדישן גאַנג:
נעם־צו אויף שטיל אַן אָפּטיילונג פֿון שטאַרקע לײַט
לעבעדיק אַהין אַרײַן, מיר דאַרפֿן זיי ניט געבן קיין צײַט!
נאָר וואָס זאָמט זיך דאָרט פּאַפּוס? וואָס קען דאָס זײַן?

איז מעגלעך אַז די רוימערס האָבן דערפֿאַרן זײַן פּלאַן?
און האָבן אים ווי אַ שפּיאָן געפֿאַנגען?
און זײַן קאָפּ איז שוין לאַנג אויפֿן שפּיז אויפֿגעהאַנגען...
איך רעכן אָבער, אַז אים וועט עס געלינגען,
ווײַל ער איז קליגער פֿון זיי, פֿון די ווילדע יונגען.

## בילד 10

### 3טע סצענע

פּאַפּוס לויפֿט־אַרײַן פֿאַרסאָפּעט

**פּאַפּוס** — נו, הײַנט פֿאַרשטייט איר ווי פּאַפּוס דרייט זיך אויס!
אַז איך זע, ווי איך קען פֿון זייערע הענט ניט אַרויס,
דערצייל איך דעם טיפּש, אַז דורך דעם געהיימען וועג גלײַך,
וועט איר קענען קומען אַן געוואַלט אין לאַגער צו אײַך.
ער געטרויט מיר זײַנע העלדן אַן און קלײַבט מ י ך אויס,
זיי דעם וועג צו ווײַזן, און איך זאָל גיין פֿאַרויס.
איך האָב אײַך דערווײַל געגעבן צו וויסן,
אַז איר וועט האָבן באַלד אַ גאַסט — נו, האָט מען זיי
אַ ביסל אָנגעשמיסן!
איך האָב זיי געוויזן אַ וועג אין די אונטערערדישע טרעפּ,
ווי אַזוי מען קען בלײַבן גאָר אָן געוואַלט, אָן קעפּ...
איך האָב זיי געוויזן, אַז אַ ייִד מיט איין־און־איינציק אויג
זעט בעסער ווי אַ רוימער מיט צוויי, נאָר וואָס אים טויג...

**בר־כּוכבֿא** — אומגעדולדיק. וואָס מאַכט דאָרטן דינה? האָסטו
זי געזען?

**פּאַפּוס** — מען לאָזט מיך ניט צו צו איר. זי איז פֿאַרשלאָסן אַליין.
דער טיפּש האַלט זי פֿאַר אַ משכּון, און באַלד, גלײַך,
וועט ער זי אויף דעם מויער אַרויפֿשטעלן פֿאַר אײַך,



זי אַליין זאָל בײַ אײַך און בײַ אַלע בעטן,
אַז מען זאָל שלום מאַכן און פֿון דאַנען אָפּטרעטן — — —
וועט איר אָבער ניט וועלן — וואָס וועט טאָן דער שיכּור?
וועט ער זי פֿאַר אײַערע אויגן צעשנײַדן אויף שטיקער!
אָט איז זי!

אויף דעם מיטלסטן טורעם פֿון דער פֿעסטונג צעזאָרעאַ דערשײַנט דינה.
בר־כּוכבֿא און דאָס גאַנצע מיליטער שפּרינגען־אויף.

**דינה** — הייבט־אויף די הענט און זינגט. הערט!

**כאָר** — יאָ, מיר הערן דיך.
זײַ געגריסט און זײַ געבענטשט,
דו, שיינע טאָכטער פֿון די ייִדן!
זײַ גאַנץ רויִק, האָב קיין מורא,
שרעק דיך ניט און זײַ צופֿרידן
בײַ דעם שונא אין די הענט — האָב קיין מורא, שרעק
דיך ניט!
מיר וועלן אונדזער לעבן שטרעקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.
יאָ, יאָ, יאָ, מיר וועלן אונדזער לעבן
איצט שטרעקן פֿון דײַנעט וועגן!

**דינה** — הערט נאָר, איידער איך וועל ריידן איצט אָנהייבן,
זאָלן מיר איצט צו גאָט די הענט אויפֿהייבן,
זײַט זשע אַלע גרייט!

**כאָר** — יאָ, אַלע וועלן זיך אָנגרייטן.

**דינה** — צו אַ געבעט.

**כאָר** — יאָ, אַלע וועלן בעטן.

**דינה** — הערט מיך צו!

**כאָר** — יאָ!

**דינה** — פֿאַלט אויף די קני!

**כאָר** — יאָ!

**דינה** — פֿאַר אונדזער גאָט! זי פֿאַלט אויף די קני. דער כאָר
פֿאַלט אויך.

**כאָר** — שטיל. גרויסער גאָט!

**דינה** — גרויסער גאָט, גאָט פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל!
צוליב דײַן נאָמען שטיי אונדז בײַ!

**כאָר** — צוליב דײַן נאָמען שטיי אונדז בײַ!

**דינה** — שיק אונדז גיך!

**כאָר** — שיק אונדז גיך!

**דינה** — דײַן רעטונגס־מלאך, אוי! נאָך הײַנטיק מאָל!
מיר זאָלן!

**כאָר** — מיר זאָלן!

**דינה** — זיגן איצט!

**כאָר** — זיגן איצט!

**כאָר** — } באַזיגן אונדזער פֿײַנד!
**דינה** —

**דינה** — הער זשע אײַן
מײַן געבעט,
מקריבֿ זײַן,
בין איך מיך גרייט!

**כאָר** — יאָ, מקריבֿ זײַן זיך אַלע
זײַנען מיר זיך גרייט!

**דינה** — פֿאַר מײַן גאָט, פֿאַר מײַן פֿאָלק, פֿאַר מײַן טײַער
פֿאָטערלאַנד!

בעת דינה ענדיקט דאָס לעצטע וואָרט הייבן זיך אַלע אויף פֿון די קני. דינה הייבט זיך אויף פֿון די קני און רעדט מיט פֿייער פֿון אויבן צום פֿאָלק אַראָפּ.

הערט־אויס, מײַן פֿאָלק יהודה, און ד ו, שמעון דער מלך!
הערט און פֿאַרלירט נישט קיין מוט, זײַט מונטער, פֿריילעך!
דער רשע האָט געהייסן, איך אַליין זאָל אײַך בעטן,
אַז איר זאָלט מיט שלום פֿון דאַנען אָפּטרעטן,





צוויי סצענעס פֿון „בר־כוכבא" אין דער „וויקט"־אויפֿפֿירונג



און אַז איר וועט שלום מאַכן מיט אים איצט אַלע,
גיט ער מיך צוריק מײַן פֿאָטער, דעם חתן — די כּלה!
מיט פֿײַער. ניין! בר־כּוכבֿא, טו עס ניט, שרעק דיך ניט!
דער ייִדישער גיבור איז זיך נישט מקריבֿ פֿאַר אַ כּלה פֿון
פֿלייש און בלוט.
זײַן כּלה איז די אמונה — די הייליקע תּורה!
זי האָט פֿאַר קיין שווערד, פֿאַר קיין טויט נישט מורא!
פֿאַר זײַן גאָט, פֿאַר ציונס שטאָלצן כּבֿוד
מוז קעמפֿן דאָס אייניקל פֿון דעם מלך דוד!
חלילה, פֿון אײַך, איר העלדישע ייִדן,
איר זאָלט מיט אַזאַ שונא שליסן איבער מיר פֿרידן,
ווײַזן דעם שונא מורא איבער מײַן נאַרישן לעבן?
וואָס ס'הייסט טרײַשאַפֿט און מוט — וועל איך אײַך דעם
בײַשפּיל געבן!
לערנט אײַך, העלדן, קעמפֿן — איך וועל עס אײַך ווײַזן,
וואָס הייסט זיך מקריבֿ זײַן — אַ ווילן פֿון אײַזן!
נאָר דורך מײַן טויטן קערפּער, זאָלט איר אַרײַנטרעטן
אין שטאָט — —
אין נאָמען פֿון גאָט, ייִדן! נאָר מוט! מוט! — —

זי וואַרפֿט זיך אַראָפּ פֿון דער פֿעסטונג אויף דער ערד און ווערט געהרגעט. אַלע בלייבן דערשראָקן. עזריה טוט אַ געשריי: שטורעם! אַלע לויפֿן־צו צו דעם מויער, הייבן אים אָן צו ברעכן. בר־כּוכבא בייגט זיך אָן פֿאַרצווייפֿלט איבער דינהס טויטן קערפּער.

דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט שנעל אַראָפּ



# 4טער אַקט

## בילד 11

### 1טע סצענע

שטעלט־פֿאָר אַ קאָניגלעכן זאַל, אויסגעשטעלט מיט אַ סך שטולן. האַלב רונד. בענק עטלעכע רייען, איינע העכער פֿון דער אַנדערער. אין דער מיט אַ לאַנגער טיש. בר־כוכבא זיצט אויף אַ שטול גאַנץ טרויעריק, דאָס פּנים אויסגעבלייכט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט. נעבן אים שטייט פּאַפּוס. זיי האַלטן ביידע אין אַ געשפּרעך.

**בר־כּוכבֿא** — מיט אַ טרויעריקער שטימע. נאָך פּאַפּוסן וועל
איך די פֿאַרלוימדונגען הערן,
אַז איך בין „בר־כּוזיבֿא“, ניט בר־כּוכבֿא, דער זון פֿונעם
שטערן...
איך האָב, דאַכט מיר, אין דער טאַט באַוויזן גענוג דער וועלט,
ווי איך האָב די ייִדנס שטאַנד מיט מאַכט צוריקגעשטעלט.
מײַנע אַלע פֿאַרגייערס, אלעזר, חנניה, שמעון,
פֿאַרגעסט ניט, וואָס פֿאַר אַ גרויסע מאַכט עס האָבן זיך
צוזאַמענגענומען
און האָבן דאָך פֿאַרשפּילט ירושלים צו וועספּאַסיאַנוסעס זון!
און איך אַליין, מיט מײַן גבֿורה, וואָס האָב איך ניט
אויפֿגעטאָן?
דעם בית המקדש געבויט! ירושלים — ריין...
פֿאַרטריבן די רוימערס — מיר זײַנען הערן אַליין!
נאָר איין וואָלקן פֿאַרטונקלט מיר מײַן לויטערן,
גליקלעכן הימל...
דינה — אָ, דינה פֿעלט מיר איצט צום רומל;

וואָס האָט אַ ווערט די קרוין, ווען ז׳י העלפֿט זי מיר
ניט טראָגן?
קיין שמחה איז מיר ליב, נאָך איר וועל איך אייביק קלאָגן!

**פּאַפּוס** — מיט אַ פֿאַלש רחמנות. יאָ, מען מעג קלאָגן נאָך איר,
אַזאַ טײַערע נשמה.
פֿאַר זיך מיט האָס. אַרויס צו דײַן ווערקצײַג, מײַן טײַערע
נקמה!
צו בר־כּוכבֿאַן. מיר האָבן זי אומזיסט פֿאַרשפּילט, יאָ,
גאָר אומזיסט.
זי איז ניט שולדיק געווען, דאָס האָט יעדער געוווּסט.

**בר־כּוכבֿא** — וואָס רעדסטו, פּאַפּוס! מ י ר האָבן זי פֿאַרשפּילט,
מ י ר ?
האָסטו מיר דען ניט מודיע געווען צעטלעך פֿון איר?
האָב איך אפֿשר נישט געאײַלט מיט מײַן הילף צו דער
רעכטער צײַט?

**פּאַפּוס** — אַז איך זאָג „מיר״, מיין איך מיר, י י ד ן, מיר,
פֿײַנע לײַט...
וואָס אַלע אומגליקן קומען נאָר... איך ווייס, איך זע עס,
פֿון אונדזערע מחלוקתן, פֿון פֿאַרשיידענע דעות
שרײַט ד ע ר מלחמה — מוזן י ע נ ע שרײַען פֿרידן...

**בר־כּוכבֿא** — וואָס? נאָך ה יַ נ ט זײַנען די דעות פֿאַרשיידן?
נאָך האָט מען אַזאַ עזות מיר אַנטקעגנצושטיין?
רייד דײַטלעכער, פּאַפּוס, איך וויל דיך פֿאַרשטיין!

**פּאַפּוס** — איך פֿאַרשטיי דערמיט, אַז צוליב אַ צו־להכעיס
קען מקריבֿ זײַן אַן אייגענער פֿאָטער זײַן קינדס נחת.
פֿאַר וואָס איז אײַך ניט קשה, גרויסער גיבור, אין דעם?
ווי קומט גאָר דינה צום שטאַטהאַלטער אין זײַן היים?

**בר־כּוכבֿא** — ווי זי קומט? מיט ג ע וו אַ ל ט האָט מען זי
גענומען.



**פּאַפּוס** — זאָל גאָט היטן! מיט אייגענעם ווילן איז זי צו אים
געקומען!

**בר־כּוכבֿא** — הייבט זיך אויף פֿונעם פּלאַץ מיט אַ ווילדן
געשריי. האָ?!

**פּאַפּוס** — שרעקט זיך ניט, גרויסער גיבור, זי איז געקומען
ניט אַליין,
הערט מיך נאָר אויס, וועט איר אַליין פֿאַרשטיין:



2 סצענעס פֿון דער בר־כּוכבא־אויפֿפֿירונג אויף פּויליש, מיט אַן אַנסאַמבל
פֿון ס׳רוב קריסטן, אין לאָדזש, אין 1933. אויבן: די שבועה־סצענע.
אונטן: אין רופֿוסעס פּאַלאַץ, אין ירושלים.

דאָס ווייסט מען, אַז איר פֿאָטער איז אײַך שטענדיק
גערוען קעגן,
ער בעט אַלע, און רעדט נאָר, פֿון שלום וועגן;
פֿאַר דעם צוועק איז ער בײַם שטאָטהאַלטער רופֿוס געווען,
אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָר וועגן שלום גיין,
און אַז רופֿוס האָט אויף זײַן וואָרט ניט אַזוי שטעלן געקענט,
האָט ער דינהן פֿאַר אַ משכון געלאָזט אין זײַנע הענט...

**בר־כּוכבֿא** — ציטערט אַזש פֿאַר כּעס. פּאַפּוס!

**פּאַפּוס** — דאָס איז אמת, ווייסט יעדער, ניט אויסגעטראַכט,
אַז ער  אַ ל ײ ן  האָט זי צו רופֿוסן געבראַכט.

**בר־כּוכבֿא** — מיט רציחה. אַוועק, פּאַפּוס! געוואַלד, אַוועק פֿון
מײַנע אויגן!
צו שאַרף איז דײַן רכילות, ווי די שפּיציקע פֿײַלן פֿונעם בויגן.
מ ו ר ד  איז דער אַלטער?  מ ו ר ד  אין זײַן משיח?
זײַן קינד פֿאַרקויפֿט? אָ, שיק אים אַרײַן גיך!

ער לויפֿט־אַרום פֿאַר כּעס איבערן צימער און ברעכט די הענט. פּאַפּוס רוקט זיך דערווײַל אַלע מאָל נענטער צו דער טיר. בעת ער הייבט־אָן אַרויסצוגיין, קוקט ער אויף בר־כּוכבאן מיט אַ שמחה און זינגט זיך אונטער.

**פּאַפּוס** — אוי, די נקמה איז מײַן נשמה, מײַן לעבן, מײַן נחמה! אַף.

בר־כּוכבא גייט־אַרום איבערן צימער עטלעכע מאָל. ווען ער זעט, אַז קיי־נער קומט ניט אַרײַן, גייט ער צו צו דער טיר לינקס און שרײַט־אַרויס.

**בר־כּוכבֿא** — רופֿט מיר אַרײַן די סנהדרין צום משפּט געשווינד!
יאָ, געמשפּט מוז ער ווערן פֿאַר מיר און פֿאַר זײַן קינד!
אַז ער שרײַט שטענדיק „שלום“, דאָס ווייס איך שוין לאַנג.
נאָר בײַ  מ י ר  זאָל איך וואַרעמען אַזאַ גיפֿטיקע שלאַנג?
אָ, טײַער מוז מיר באַצאָלט ווערן מײַן דינהס לעבן,
ז י , וואָס האָט מיר דעם גאַנצן כּוח און מוט געגעבן!



# בילד 12

## 2טע סצענע

אין דעם מאָמענט קומען־אַרײַן די סנהדרין, צווישן זיי אלעזר

**בר־כּוכבֿא** — זעצט זיך אויס סנהדרין, יעדער אויף זײַן שטול,
א י ר  וואָס האָט געמשפּט אַזוי פֿיל,
און לייענט־פֿאַר דינים בשערי העיר,
צו זאָגן דעם אמת, געשווירן זײַט איר!
וואָס קומט דעם מענטשן, זאָגט־אַרויס פֿרײַ,
וואָס איז מורד במלכות, דעם לאַנד ניט געטרײַ?

**אלעזר** — זינגט. דער דין איז קורץ און שאַרף און גיך,
אַן פֿיל הקדמות.

**סנהדרין** — ווער ס'איז מורד במשיח,
איז אחת דתו להמית!

**בר־כּוכבֿא** — ניין, חזרט עס איבער נאָך אַ מאָל,
ניין, חזרט עס איבער גאָר אַן צאָל,
לאָזט הערן דעם משפּט בפֿני עדה וקהל!

**אלעזר** — דער דין איז קורץ און שאַרף און גיך,
אַן פֿיל הקדמות.

**סנהדרין** — ווער עס איז מורד במשיח,
איז אחת דתו להמית!

**בר־כּוכבֿא** — גיך, דערפֿולט דעם משפּט אין דער שעה, דער
בייזער,
אין דעם בוגד ומורד במלכות... אלעזר!

**סנהדרין** — דערשראָקן. אָ, גאָט!

**אלעזר** — זינגט. אַך, וואָס הער איך, וואָס?
איך פֿאַרשטיי גאָר ניט דאָס?
באַרעכן זיך נאָר די זאַך, צי פֿאַלשסטו ניט?
צו די סנהדרין. איך שווער דאָ, אַלטע, פֿאַר אײַך אַלע,

אַז איך ווייס פֿון גאָר ניט, ניי:
דאָס געזעץ בין איך ממלא,
הייליק איז דאָס תּמיד בײַ מיר געווען.
**סנהדרין** — זיי אונדז מוחל, גרויסער משיח!
גיב ניט אַרויס דײַן גזר אַזוי גיך!
הער אונדז עלטערע אַצינד,
מיר שווערן דיר, אַז ער איז ריין פֿון זינד!
**אלעזר** — איין גאָט איז מײַן עדות,
אַז איך בין ריין פֿון זינד.
**בר־כּוכבֿא** — יאָ, פֿאַלש ביסטו פֿון לאַנג געווען,
צו די רוימערס פֿלעגסטו בסוד אַריבערגיין
און פֿאַר אַ משכּון צו מאַכן פֿרידן,
האָסטו פֿאַרקויפֿט דײַן קינד אײַ אויך אַלע ייִדן!
**סנהדרין** — אָ, גאָט!
**בר־כּוכבֿא** — וואָס? איר שרעקט זיך! וואָס, איר האָט מורא?
איר שווײַגט אים, ווײַל ער איז אַ גדול בתּורה!
**סנהדרין** — אָ, גאָט!
**בר־כּוכבֿא** — איר שווײַגט? וואָס, איר רעדט ניט? האַ? נאַ!

דערשטעכט אים

## 3טע סצענע

עזריה לויפֿט־אַריין פֿאַרסאָפּעט, גייט־צו צו בר־כּוכבאן

**עזריה** — איר וועט מיר מוחל זײַן, גרויסער משיח!
אַ שלעכטע בשׂורה ברענגט אײַך דער שליח:
אַ גרויסע מאַכט פֿון דעם שונא, ווי זאַמד אין מער,
איז באַפֿאַלן אונדזער לאַנד, לאָזן זיך נעענטער אַהער.
זיי טייטן און פֿאַרברענען. עס איז ניט אויסצושטיין.
אין דער מיט גייט דער מלך אַדריאַנוס אַליין.



ער האָט אַרומגערינגלט ירושלים מיט אַ גרויסער מאַכט
און די הייליקע שטאָט ווידער ביז דעם גרונט חרובֿ געמאַכט.
**בר־כּוכבֿא** — פֿאַרטומלט. לאָזט בלאָזן די שופֿרות צו דער מלחמה גיך!
נאָר מוט, ייִדן, מוט! מיט אײַך גייט אײַער גיבור משיח!

אַזוי ווילד שרייענדיק לויפֿט ער אַרויס לינקס. נאָך אים עזריה. די סנהדרין בייגן זיך צו אלעזרן, פֿאַרבינדן אים זײַנע וווּנדן. אלעזר, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי אַלטע לײַט, האַלט מיט דער רעכטער האַנט צו די וווּנדן, מיט דער לינקער אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג, וווּהין בר־כּוכבא איז אַרויסגעגאַנגען.

**אלעזר** — מײַן וואָרט הער, בר־כּוזיבא, דו, פֿאַלשער משיח, אויס —
איידער דער אַלטער אלעזר פֿון דײַן האַנט גייט־אויס —
אין דער מלחמה איז דײַן גבֿורה הבֿל הבֿלים!
יאָ, ש ל ו ם האָב איך נאָר געבעטן, יאָ, שלום,
נאָר שלום!
מיט מיר שטאַרבט דער שלום און מיט דיר שטאַרבט
די מלחמה!...
אוי, גאָט! ער ווערט שוואַך.
**סנהדרין** — גאָט, דו, גערעכטער גאָט!
**אלעזר** — גאָט איז מײַן עדות, אַז ס'איז ריין מײַן נשמה!
דרך כּוכבֿ, דרך כּוכבֿ איז ניט דער פֿאַלשער שטערן, ניין,
וואָס גלאַנצט אַ מינוט און קען פֿאַרגיין...
וואָס גאָט וועט שיקן זײַן א מ ת ן משיח,
דער וועט אויף אייביק שײַנען און ניט פֿאַרלאָשן ווערן גיך!...
אוי! מיט אַ שוואַכער שטימע.
**סנהדרין** — אָ, גאָט!
**אלעזר** — אָ, גאָט, ס'איז מיר שלעכט!
גאָט! דײַן משפּט איז גערעכט. זינגט שוואַך.
אוי, אַזוי זאָגט גאָט אַצינד:

איך קען דיך ניט מער,
ביסט ניט מער מײַן קינד. ער ראַנגלט זיך מיט דעם טויט.
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד...
אוי, ציונס ליכט צאַנקט אַצינד,
לעשט אײביק אויס... קוים וואָס מען הערט די שטימע.
שײַנען וועט ניט מער, מײַן קינד,
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד! —
די לעצטע ווערטער הערט מען שוין גאָר ניט. ער שטאַרבט.

# פֿאַרוואַנדלונג

## בילד 13

### 4טע סצענע

שטעלט־פֿאָר די הויכע פֿעסטונג ביתר מיט אַ סך טורעמס. הינטן אַ געשלאָסענעם טויער. אויף דעם מויער, אין אַ געצעלט, ליגט בר־כּוכבא. מען זעט אים ניט. שומרים גייען־אַרום און באַוואַכן. עס איז נאַכט.




**שומר** — זינגט אויף דער פֿעסטונג גייענדיק. גאָט, דער גערעכטער,
קוקט אויף פֿון דאָרט —



שלאָפֿט ניט, איר וועכטער,
היט גוט דאָס אָרט!

**כאָר** — מיר הערן, מיר הערן,
מיר הערן גוט —
אַנטשלאָפֿן ווערן
וועלן מיר ניט!

**שומר** — גיבורים ווי ריזן
היטן אונדזער לאַנד;
מיט די שאַרפֿע שפּיזן
שלאָפֿן זיי אין דער האַנט.

**כאָר** — מיר הערן — — (אאַז״וו).

**שומר** — דער שונא, דער שלעכטער,
קוקט אויף פֿון דאָרט —
שלאָפֿט ניט, איר וועכטער,
היט גוט דאָס אָרט!

**כאָר** — מיר הערן — — (אאַז״וו).

שומרים ווערן אײַנגעדרימלט. פּאַפּוס פּירט דורך שטיל דאָס רוימישע מיליטער און ווײַזט זיי די פֿעסטונג.

**בר־כּוכבא** — לויפֿט־אַרויס צעטראָגן פֿון געצעלט בלאַס, די האָר צעשויבערט.
שווײַגט, וועכטערס, שטילט! מ י ך דאַרפֿט איר ניט וועקן!
מיינט ניט, אַז איך שלאָף, איך קוק אין אַלע עקן —
מיך וועקן ש ט אַ ר ק ע ר ע שומרים, לאָזן מיך ניט שלאָפֿן,
זיי מיינען מיך דורך די נעכט צו מאַרטערן, צו שטראָפֿן...
פּויזע. פּאַפּוס איז צו די רוימערס אַריבערגעגאַנגען!
נו? פֿון א י ם קען מען בעסערס ניט פֿאַרלאַנגען — — —
נאָר אלעזרס אומשולדיק בלוט שרײַט מיר אין די אויערן:

„פֿאַרלוירן איז ירושלים"! פֿאַרלוירן! באַדענקענדיק זיך.
פֿאַרלוירן?
אַ סך פֿעסטונגען זײַנען שוין אַרײַנגעפֿאַלן צו די רוימערס
אין די הענט,
זיי האָבן שוין צוריק באַקומען פֿיל שטעט. צעבראָכן
ציונס ווענט...
אָ, ניין! אַזוי לאַנג ווי דער שטאָלצער מוט לעבט נאָך אין מיר,
וועל איך נאָך אַלץ געווינען, קעמפֿן ווי פֿריער!
נאָך די לעצטע פֿעסטונג וועל איך פֿאַרטיידיקן, איך האָף.
אַ ס ך האָבן זיך אונטערגעגעבן; א י ך מוז קעמפֿן
ביזן סוף.
מוט פֿאַרלירן? פּאַסט ניט פֿאַר דעם בראַוון קריגער!
אַפֿילו אין דעם קלעם איז נאָך אַלץ דער טיגער — טיגער!

*אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אלעזרס גייסט פֿון דער רעכטער זייט פֿון דעם טורעם.*

**גײַסט** — זינגט. אוי, אַזוי זאָגט גאָט אַצינד!
**בר־כּוכבֿא** — דערשראָקן. וואָס? ווידער מאַרטער?... אַ נײַע שבֿועה?
**גײַסט** — איך קען דיך ניט מער! ביסט ניט מער מײַן קינד!
**בר־כּוכבֿא** — נידערגעשלאָגן. אָ, דו, שרעקלעכע נבֿואה.
**גײַסט** — איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד — —
**בר־כּוכבֿא** — צעטראָגן. פֿאַרלוירן זאָגט ער איז אַלץ? ניטאָ קיין ישועה?
**גײַסט** — אוי, אוי! ציונס ליכט צאַנקט אַצינד.
**בר־כּוכבֿא** — ווילד דערשראָקן. וואָס? ציונס ליכט צאַנקט בײַ מיר אַצינד?
**גײַסט** — לעשט אייביק אויס... שײַנען וועט ניט מער, מײַן קינד!
איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד — — —



**בר־כּוכבֿא** — מיט האַס. איבער מײַנע זינד? איבער מײַנע זינד??
אַ וו ע ק, שרעקלעכער גײַסט! זאָלסט פֿאַרשווונדן ווערן!
שטעק מיר שפּיזן אין מײַן לײַב, נאָר די ווערטער זאָל איך
ניט הערן.
אַזוי לאַנג ווי אין מײַנע אָדערן פֿליסט דאָס וואַרעמע בלוט,
וועט ציון זײַן געווונען! ניין, עס צאַנקט נאָך ניט!
האַ, דעם מוט זוכסטו בײַ מיר צו רויבן?
ד אָ ס, וואָס איז מײַן גאַנצער כּוח, מײַן גלויבן?
אָ, ניין! פֿאַרלירן וועל איך ל ע נ ד ע ר, מ ע נ ט ש ן,
מיליאָנען,
בלײַבט מיר דער מ ו ט — האָב איך אַ ל ץ געווונען!

*גייסט באַווייזט זיך אויף דער לינקער זייט טורעם*

**גײַסט** — אוי, אַזוי זאָגט גאָט אַצינד...
**בר־כּוכבֿא** — אָ, פֿאַרפֿאָלגסט מיך אַלץ?
**גײַסט** — איך קען דיך ניט מער, ביסט ניט מער מײַן קינד!
**בר־כּוכבֿא** — כ'בין ניט מער דײַן קינד?
**גײַסט** — איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד — — —
**בר־כּוכבֿא** — ווידער מיט האַס. אַוועק, בייזער גײַסט! פֿאַרשווינד
געשווינד!
ניט מ י ך וועסטו שרעקן, פֿאַר דיר שטייט אַ ריז.
היט דיך, כּל־זמן מײַן האַנט וואַרפֿט נאָך אַ שפּיז!

*ער טוט אַ וואָרף אַ שפּיז דעם גייסט. דער גייסט פֿאַרשווינדט און דער־שײַנט אויגנבליקלעך אויף דער רעכטער זייט פֿון טורעם.*

**גײַסט** — זינגט ווײַטער. אוי, ציונס ליכט צאַנקט אַצינד.
**בר־כּוכבֿא** — אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ שוואַך. האַ!
**גײַסט** — לעשט אייביק אויס... שײַנען וועט ניט מער, מײַן קינד!
**בר־כּוכבֿא** — שוואַך. יאָ!
**גײַסט** — איבער דײַנע זינד, איבער דײַנע זינד — — —

**בר־כּוכבא** — יאָ, פאַרלוירן... אָ, טײַערער גײַסט, ביסט שטאַרקער
פֿון מיר!
מוטשע מיך ניט, האָב רחמנות! איך קני איצט פֿאַר דיר!
ער פֿאַלט אויף די קני. יאָ, זײַ מיר מוחל! גענוג שוין,
לאָז מיך שוין צו רו!
מיט געוויין. זע, דער גרויסער גיבור בייגט פֿאַר דיר די קני...
איך וועל שטאַרבן, יאָ, נאָר לאָז מיך שטאַרבן ווי אַ העלד...
לאָז מיך כאָטש זײַן דער ל ע צ ט ע ר אויף דעם
בלוטיקן שלאַכטפֿעלד...

גייסט פאַרשווינדט. בר־כוכבא פאַלט אויף דער ערד צום פובליקום.

יאָ, ברידער, פֿאַרגעסט שוין פֿון הײַנט אָן אין דעם זיג...
אונדזער הייליק לאַנד וועט איר שוין ניט אָפּנעמען מיט קריג...
נאָר אויף א יי ב י ק אונטערגעוואָרפֿענע — דענקט שוין
גאָר ניט אַפֿילו אויך,
אַז גאָט וויל ניט, איז אומזיסט דעם גיבורס כּוח! — —

אין דעם מאָמענט הערט מען אַ טראָמפייטן־שאַל און אַ געשריי פון אַ סך
רוימישן מיליטער

**בר־כּוכבא** — כאַפּט זיך אויף געשווינד. האַ? וואָס הער איך?
טראָמפּייטן־שאַל!
אָנפֿאַנגען די מלחמה איז דאָס אַ סיגנאַל?

ער קוקט זיך צו צו דער זייט, וו מען הערט דאָס געשריי פון דעם
רוימישן חייל

אָ, די מאַכט פֿון דעם שונא איז זייער גרויס...
שווער זיך צו האַלטן, פֿאַרלוירן איז אַלץ — אויס!
מיט פֿײַער. ניין, שונא. פֿריי דיך ניט! אַז איך קען שוין
גאָר ניט נעמען בײַ דיר —
א יי נ ס וועל איך בײַ דיר רויבן: דײַן שטאָלץ איבער מיר!



ניט ד ײַ ן פֿײַל זאָל דורכבויערן די ברוסט פֿון דעם
גיבור —
פֿון מ ײַ ן האַנט אַליין איז מיר צו שטאַרבן ליבער!

## בילד 14

ער שטעכט זיך אַריין אין האַרצן אַ שווערד, פאַלט־אום אויף דער ערד טויט. דאָס געשריי פון די רוימערס ווערט שטאַרקער. פּאַפּוס לויפט־אַרויף און וויל שטעכן בר־כוכבאן — קומט אים אַנטקעגן עזריה און דערשטעכט אים. נאָך אים לויפט־אַרויף אויף דעם מויער דאָס גאַנצע יידישע מיליטער. זיי קומט אַנטקעגן דאָס רוימישע מיליטער. עס פאַנגט זיך אָן דער קריג, פעכטן זיך, שטעכן — מיט געשרייען. עס קלינגען שווערדן. מען הערט דאָס קראַכן פון מויערן. די פעסטונג ביתר שטייט אין פייער און ברענט. אַלע טורעמס פאַלן און ברעכן זיך. עטלעכע רוימישע סאָלדאַטן לויפן צו הינטן און ברעכן־אויף דעם מיטלסטן טויער. מען זעט דורך דעם טויער אַ שרעקלעך בילד: אַ רוימישער סאָלדאַט דערהרגעט אַ קינד אויף זיין מוטערס הענט, בעת די מוטער שטייט אויף די קני און וויל פאַרטיידיקן איר קינד. אַן אַנדערער רוימישער העלד האַלט ביים קאָפּ אַן אַלטן יידן און הייבט־אויף אויף אים זיין שווערד. איין רוימער שטייט מיט אַ פוס אויף איין יידן און מיט דער האַנט שטעכט ער אים אַריין אַ שפּיז. דאָס בילד פון הינטן אין טויער ווערט באַלויכטן מיט גרין פייער. אויבן — די פעסטונג, מיט רויט פייער. רעש.

### דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם

ע נ ד ע